STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00548

# TAYBELE

Rivke Galin

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Myrna & Bernard Holzman*
*in honor of*
*Ellen Holzman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבקה גאַלין

# טייבעלע

צעשינסקי

M. CESHINSKY, Publisher
2720 W. Division Street, Chicago, Ill.

1933

Copyright 1933
by RIVKE GALIN
New York

שוין דערשינען:

דער קינדער־סטרייק (אַ צוויי־אַקטער פאַר קינדער) —
פון נח מישקאָווסקי.

אריין אין דרוק און וועלן אין גיכן דערשיינען:

קינדער־ביכלעך פון נח מישקאָווסקי

די תימנ׳ער אידן
די אידן אין כינע
שומרונים
די אידן אין אינדיע
די שוואַרצע אידן
אַ רייזע איבער ארץ־ישראל.



רבקה גאלין

I

# אַ מאַנטשיק מיידעלע

## ווערטער

ווערטער אומעטיקע, קאַלטע,
האָבן אָנגעקלאַפּט צו מיר,
און פאַרחלשטע און מידע
זיך צעשאָטן באַ מיין טיר.

כ'האָב זיי איינציקווייז געקליבן
און געצערטלט שטילערהייד;
אין מיין האַרצן זיי געוואַרעמט
מיט מיין צער און מיט מיין פרייד.

ביז זיי האָבן זיך צעזונגען,
פול מיט זיסן פרייד און פיין
און ווי פייגעלעך צעפלויגן,
אין דער וויטער וועלט אריין.



## אַ מאָנטשיק מיידעלע

אַזאַ מאָנטשיק מיידעלע
טאָר ניט זיצן שפּעט.
זי דאַרף זאָגן: „מאַמעלע,
איך וויל גיין אין בעט”.

און אַז מאָנטשיק מיידעלע
שלאָפן גייט אַליין —
וואַקסט זי ווי אַ ביימעלע,
אַזוי הויך און שיין.

נאָר אַז מאָנטשיק מיידעלע
זאָגט: איך וויל-ניט, ניין!
וואַקסט זי ווי אַ קירבעסל,
קיילעכדיק און קליין.

## טוק — טוק

טוק — טוק — טוק —
ווער קלאַפּט אין מיין טיר?
ס'קלאַפּט אַ בלאָנדע מיידעלע
אין דער מאַמעס טיר.

בלאָנדע, בלאָנדע מיידעלע,
וואָס האָסטו געבראַכט?
האָט זי זיך ווי זילבערנע
גלעקעלעך צעלאַכט.

„פון די זאַנגען גאָלדענע
איז מיין קעפּל געלער,
פון די פרילינגס ליכטיקע
בין איך צאַרטער, העלער.

פון די קאָרנבלימעלעך
מיינע אויגן בלויער.
ברענג איך זיסע פרייד אַ סך,
טרייב איך זאָרג און טרויער.

מיינע קליינע פיסעלעך
טאַנצן אויס אַ מייסע —
פון די טעג די ליכטיקע
פון די נעכט די ווייסע.

כ'האָב אַ בלאָנדן אוצרל
מאַמעלען געבראַכט",
האָט זי זיך ווי זילבערנע
גלעקעלעך צעלאַכט.

## אַ פינגערל

מיין מומע האָט אַ פינגערל,
אַ גאָלדענעם געבראַכט,
מיט שטיינדעלעך, וואָס שימערן
ווי פייערלעך באַנאַכט.

מיין מאַמע לאָזט ניט אָנטאָן אים.
זי זאָגט: זי האָט ניט האָלט.
זי זאָגט, אַז קלאָרע הענטעלעך
איז שענער נאָך פון גאָלד.

זי זאָגט: אַזעלכע פינגערלעך
איז טראָגן גאָר ניט שיין
פאַר אַ גוטע מיידעלע,
וואָס איז נאָך אַזוי קליין.

מיר ווילט זיך זייער טראָגן אים
און איך האָב גרויס פאַרדראָס,
נאָר מאַמע זאָגט אַלץ ניין און ניין,
פאַרשטיי איך ניט פאַרוואָס.




# אַ קעצעלע

כ'האָב אַ ליבע קעצעלע,
ווייס איז זי ווי שניי,
מיט שיינע גרינע אויגעלעך
ווי פייער בליצן זיי.

באדאַרפט איר זען מיין קעצעלע,
מיטן צינגל ווי זי לעקט,
מיטן פיצל נעזעלע
ווי זי זוכט און שמעקט.

איך עפן נאָר די אייגעלעך —
זי שטייט שוין בא מיין טיר,
זי שאָקלט מיטן קעפעלע;
גוט מאָרגן, זאָגט זי מיר.

איך ליב אַזוי מיין קעצעלע,
מיר שפילן נאָר באנאַנד,
זי טרינקט נאָר פון מיין טעצעלע,
זי עסט נאָר פון מיין האַנט.

## אַלע פיר

אַלע פיר, אַלע פיר,
וואַרטן מיר ביים טיר.
הערעלע און בערעלע,
בובעלע מיט מיר.

קומט צופאָרן פּאַפּאַ,
ברענגט אַ גרויסן פּאַק,
קיכעלעך, צוקערלעך,
נים אַ פולן זאַק.

נאַשן מיר, טאַנצן מיר,
טאַנצן אַלע פיר.
הערעלע און בערעלע,
בובעלע מיט מיר.

## איך וויל גיין אַ באָרוועסע...

איך וויל גיין אַ באָרוועסע.
לאָז מיך, מאַמע, לאָז.
כ׳וויל מיט הוילע פיסעלעך
אומלויפן אין גראָז.

ס׳קיצלט אין די פיסעלעך,
און עס קילט אַזוי
פון די הויכע גרעזעלעך
און די טראָפנס טוי.

## פול מיין דאַך

פול מיין דאַך מיט טייבעלעך
איז דאָ ערשט געווען —
כ׳האָב מיט געלע קערנדלעך
אַלע צוגעזען.

שטורם, שוואַרצער שטורם האָט
זיך אַהער פאַרקליבן —
מיינע שיינע טייבעלעך
ערגעץ וואו פאַרטריבן.

## קויף ביליג

קויף אַ פּעקל, קויף אַ זעקל,
ביליג, גוט און זיס,
גוט צו לעקן, גוט צו שמעקן,
גוט צו טאָן אַ ביס.

ניט קיין פּערדל, ניט קיין שווערדל
האָב איך דאָ אין פּאַק,
נאָר אַ קליינע מיידל שיינע —
האָב איך דאָ אין זאַק...

## איך האָב ליב

איך האָב ליב מיין ברודער,
איך האָב ליב מיין שוועסטער,
און פון אַלע טאַטעס
מיינער איז דער בעסטער.

נאָר מיין ליבע מאַמע
ליב איך מער פון אַלע,
ווען איך זיין אַ גרויסע,
וועל איך זיין דיין כלה.

# טייבעלע

דו, דו איידעלע,
ביזט אַ שלעכטע מיידעלע:
האָסט דער געלער קעצעלע
געשלאָגן מיט אַ קלעצעלע.

דו, דו פריידעלע,
ביזט אַ גוטע מיידעלע:
האָסט דער געלער קעצעלע
געגעבן פוטער פלעצעלע.

דו, דו מינדעלע,
ביזט די בעסטע קינדעלע.
האָסט דער געלער קעצעלע
געגעבן מילך אַ טעצעלע.

דו, דו אַרעלע,
ביזט אַ קליינער נאַרעלע:
האָסט דער געלער קעצעלע
געגעבן גאָר אַ באַרעלע.

## אַ וואונדער שפּיגל

אין חלום האָט מען מיר באַנאַכט
אַ וואונדער־שפּיגעלע געבראַכט.
איך קוק אין שפּיגל נאָר אַריין,
און וואָס איך וויל, דאָס קען איך זיין.

בו . . . איך בין אַ גרויסער בער,
איך קריך ארום אַהין, אַהער.
די מענטשן ווערן ווילד פאַר שרעק
און לויפן ווייט פון מיר אַוועק.

און וויל איך אַ קוקאַווקע זיין? —
קו־קו! קו־קו! — אין וואַלד אַריין!
און אין דעם גרינעם טיפן וואַלד
צעקלינגט זיך הויך מיין שטימע באַלד.

די קינדער מאַכן נאָך מיין קול:
קו־קו! קו־קו! — נאָך אַ מאָל.
און אַלע שמייכלען, הערן צו:
קו־קו! קו־קו! — וואו ביסטו?

און איצטער בין איך גאָר אַ ווינט,
און אַלע זוכן אום דאָס קינד,
אין יעדן ווינקל, אומעטום,
און איך נעם אַלעמען ארום.

איך שפּיל זיך מיט מיין מאַמעס האָר
און קוש׳ן וואַרף איך איר אַ פּאָר.
און קיינעם, קיינעם פאַלט ניט איין,
אַז איך זאָל גאָר אַ ווינטל זיין.

איך לאַך און טאַנץ מיט לייכטע טריט
און קיינער, קיינער זעט מיך ניט.
ווייל לייכטער בין איך פון אַ רויך,
און דינער בין איך פון אַ הויך.

און איצט וויל איך אַ מאַמע זיין,
האָב איך אַ דינסט און קינדער ניין.
איך נעם זיי אַלעמען אין גאַס,
און איך האָב שפּאַס, אַזוי פיל שפּאַס!

נאָר ווי עס קומט דער אָוונט אָן,
דאַן ווילט זיך מיר שוין גאָר ניט טאָן.
איך וויל ניט מער — קיין בער, קיין ווינט,
איך ווער צוריק אַ קליינעם קינד.

איך גיי אריין אין מאַמעס שוים.
זי קושט מיר יעדן אבר אוים.
זי טוט מיך אוים; זי דעקט מיך איין,
און וויגט מיך אין מיין בעטל איין.

## דאָס קראַנקע קינד

כ'וויל ניט מער קיין מעשהלעך,
און קיין צאַצקעס דאָ,
כ'וויל ניט מער קיין מעדיצין
נעמען אַלע שעה.

כ'קען ניט ליגן מער אין בעט,
קוקן אויף די ווענט.
נעם מיך, מאַמעלע, ארויס,
נעם מיך אויף די הענט.

הייב מיך אויף און דעק מיך איין,
און צום פענסטער קום.
וועל איך זען, ווי שוועלבעלעך
פליען הויך אַרום.

וועל איך זען ווי הינדעלעך
לויפן נאָך דער הון,
און ווי גרינע גרעזעלעך
ציען זיך צו זון.

אויף אַ קליינע ווײַלינקע
מאַך דאָס פענצטער אויף,
וועל איך זען, ווי קינדערלעך
שפּילן זיך אין הויף.

וועט מיר אפשר מאָרגן שוין
גאָר ניט מער טאָן וויי,
וועל איך קענען אומלויפן,
שפּילן זיך מיט זיי.



## אַ זון און רעגן

אַך, ווי שיין אַ זון און רעגן,
יאָנטעף שוועבט אַף גרינע וועגן,
פּיצלעך זונען שטיפּן אום,
שפּריצן, בליצן, אומעטום.

ווי אין כּישופדיקן טאַנץ
טונקט זיך אַלץ אין גאָלד און גלאַנץ,
און דער נאַסער גרינער גראָז
ווערט גאָר פלוצים געל און ראָז.

אין דעם רעגנבויגן־שיין
פּלאָנטערן זיך קינדער איין,
באָרוועסינקע טאַנצן זיי
מיט אַ פריילעכן געשריי.

פינף קליינע הינדעלעך
האָט אויסגעפּיקט די הון,
זיצן זיי און וואַרימען זיך
אַלע אויף דער זון.
זיצן זיי און וואַרימען זיך
אַלע אויף דער זון.

פינף געלע פּיסקעלעך
עפענען זיך אויף,
זוכן זיי, זוכן זיי
קערנדלעך אין הויף.
זוכן זיי, זוכן זיי
קערנדלעך אין הויף.

שרייט די מאַמע-קוואָקע
קווא קווא קווא!
היט זיך, היט זיך, הינדעלעך,
ווייל די קאַץ איז דאָ.
היט זיך, היט זיך, הינדעלעך,
ווייל די קאַץ איז דאָ.

# עכאָ

ערגעץ אױף אַ באַרג אַ הױכן,
אָדער אין אַ טאָל,
ליגט אַ שטיפּערל באַהאַלטן,
קרימט מיר נאָך מײַן קול.

אַ־הו — שרײַ איך — האַ־האַ־האַ!
שרײַט ער אױך האַ־האַ!
הױב איך פֿרײלעך אָן צו לאַכן,
לאַכט ער: כאַ־כאַ־כאַ!

און די בערג און פֿעלדער ברײטע
העלפֿן אים נאָך צו;
קלינגען פֿרײלעך מיט מײַן שטימע,
אין דער װײַט — אַ־הו־הו!

אָט דער שטיפּערל דער קלײנער
ליגט באַהאַלטן דאָרט.
און ער קרימט מיר נאָך כּסדר,
יעדן קלאַנג און װאָרט.

עכאָ, זאָגט מען, איז זײַן נאָמען.
כ׳װאָלט אים װעלן זען.
עכאָ, עכאָ, װעסט זיך װײַזן?
עכאָ, זאָג מיר װען!

## שבת

שבת איז מיין טאָג פון רו.
ליג איך מיר אין בעט,
איך האָב ליב זיך וואַלגערן
גלאַט אַזוי ביז שפּעט.

מאַמע שרייט און מוסר׳ט מיך:
„עס איז דאָך אַ גרוויל!
אַזאַ מויד, ביז האַלבן טאָג,
גאָט מיינער, ווי פויל!״

הער איך צו און קלער באַ זיך,
„טאַקע ניט קיין לייט״.
נאָר איך מאַך די אויגן צו,
כ׳פלי שוין ערגעץ ווייט.

ערגעץ הער איך פייפט אַ באַן,
ס׳טרובעט וואו אַ שיף.
פיל איך אונטער מיר דעם ים
ברייט און ווייט און טיף.

און די הימלען איבער מיר
שמייכלען קינדערש בלוי,
פאָר איך ערגעץ זייער ווייט,
פאָר איך גלאַט אַזוי.

קאַראַוואַנען, סטעפּעס, בערג
ציען זיך פאַרביי,
שפּיצן טורעמס, פרעמדע שטעט,
נאָענט, ליב און ניי.

פלוצים, מאַמע רעדט צו מיר,
איך פאַרשטיי קיין וואָרט,
גלאָץ די אויגן אויס און קוק,
ריר זיך ניט פון אָרט...

גולם קליינער, נאַרעלע,
רופט מען מיך דערפאַר,
נאָר איך שמייכל און איך שווייג,
טאַקע ווי אַ נאַר...

# חרטה

אָפּט, גאָר אָפּט, בין איך אַ שלעכטע,
כאָטש איך וויל זיין גוט,
נאָר איך קען זיך גאָר ניט העלפן,
ס׳איז שוין אין מיין בלוט.

אָפּט באַליידיג איך אַ שוואַכן,
ווער אין כעס אויף פריינט,
ווייס איך, אַז איך בין אַ שלעכטע,
און איך האָב זיך פיינט.

האָב איך מיך געוואָלט באַשטראָפן
מיט מיין אייגן האַנט,
און איך בין פון זיך אַנטלאָפן
אין חרטה־לאַנד.

און צוריק בין איך געקומען —
ניטאָ די שלעכטע מער:
ס׳זיצט אַ מיידעלע געבויגן,
און אין אויג אַ טרער.

כ׳האָב דערפאַר אויף איר רחמנות,
און מאַך שלום גיך.
איך וועל תמיד זיין אַ גוטע —
טראַכט איך דאַן ביי זיך.

# רעגן

רעגן, רעגן וואַש מיך אויס,
וועל איך וואַקסן
הויך און גרויס.

קום, קום, רעגן, קום.
וואַש מיך, ווי דו
וואַשסט אַ בלום.

גיס, גיס רעגן, גיס,
פּאַטש אין פּנים,
אין די פיס.

פּאַטש, פּאַטש, נעץ מיך איין,
שטאַרקער, שטאַרקער,
איי, ס'איז פיין!

זון, זון, גיב אַ שיין,
פלעכט זיך אין די
צווייגן איין.

זון, זון, פלעכט זיך איין,
אין מיין בלאָנדן
צאָפּ אריין.

## ווי אַמאָל

אַ מאָל בין איך אַ וואַסער קוואַל —
וואָס פּליסט זיך שטיל פאַרטראַכט.
אַמאָל בין איך אַ זונען שטראַל —
וואָס שטיפט ארום און לאַכט.

אַמאָל בין איך אַ קעצעלע,
אי ווייך אי צאַרט אי מילד.
אַמאָל בין איך אַ טיגערל,
אי שטורמדיק, אי ווילד.

עס ווענדט זיך ווי, עס ווענדט זיך ווען,
עס ווענדט זיך אָן געמיט —
נאָר זיין אַ לייט מיט לייטן גלייך,
אָט דאָס נאָר קען איך ניט!

# קלאַנגען

מ׳דאַרף נאָר קענען הערן,
הערט מען אַלעסדינג,
הערט מען בלויע קלאַנגען,
קלינג... קלאַנג... קלינג...

הערט מען אין די שטיינער
מעשׂות פון אַמאָל,
הערט מען אינ׳ם שווייגן
אויך אַ ווידער קול.

הערט מען טויבן וואָרקען,
טויבן אויפן דאַך;
הערט מען פליגל פלאַטער,
הערט מען בלומען שפּראַך.

הערט מען תבואה וואַקסן,
הערט מען קאַסעם שניט.
הערט מען שטערן זינגען,
אויך לבנה׳ס טריט.

מ׳דאַרף נאָר קענען הערן,
הערן אַלעסדינג,
הערט מען בלויע קלאַנגען:
קלינג... קלאַנג... קלינג...

מאַמע איז אַוועקגעפאָרן,
איך האָב ניט געוויינט.
זי וועט באַלד צוריק קומען —
האָב איך דאָן געמיינט.

און זי וועט מיר אָנברייננגען
צאַצקעלעך אַ סך,
ווייל זי האָט מיר צוגעזאָגט
גאָר אַ גוטע זאַך.

נעכטן איז געוועזן מאָרגן,
איצט איז ווידער נאַכט.
וואו איז איצטער מאַמעלע,
ליג איך אַליין און טראַכט.

היינט איז איבערמאָרגן שוין,
זי איז אַלץ ניטאָ.
קוק איך אויפן זייגערל,
צייל איך יעדן שעה.

קוק איך זיך אין פענסטער איין
און איך לויף צום טיר,
— מאַמעלע, ווי אומעטיק
עס איז מיר אָן דיר...




## שנייעלעך

טאַנצענדיקע שנייעלעך
פאַלן פון דער הויך,
לייגן זיך און שפּרייטן זיך,
ווי אַ סאַמעט ווייך.

יאָגן זיך די קינדערלעך,
קייקלען זיך אין שניי.
און אַ ווייסער הינטעלע
יאָגט זיך נאָך נאָך זיי.

פרייט זיך אויך דער הינטעלע,
בילט ער האַוו-האַוו-האַו,
וויל ער זיי ארומנעמען,
שפּרינגט ער אויפן האַלז.

שרעקן זיך די קינדערלעך,
לויפן מיט געשריי,
בלייבט אַליין דאָס הינטעלע,
בילט ער אויפן שניי.



## פאַרבן

כ'האָב געמוזט אַמאָל, אַמאָל
אין די הימלען שוועבן,
איידער איך האָב אָנגעפאַנגען
אַף דער ערד צו לעבן.

ווײַלע איך דערמאָן זיך איצט
וואונדערלעכע זאַכן:
פאַרבן, קלאַנגען אַלערליי
און באַקאַנטע שפּראַכן.

חבר'טעם בין איך געווען
דאָרטן מיט די שטערן,
און לבנה פלעגט זיך אויך
שפּילן מיט מיר גערן.

איצט דערקענט זי מיך אַמאָל,
גריסט זי מיך פון אויבן,
און מיט פינגער צערטלעכע
גלעט זי מיינע שויבן.

אָפּטמאָל רופט זי מיך ארויס
גיין מיט איר שפּאַצירן,
און פון הימל עפנט זי
טויערן און טירן.

שוועב איך אין אַ ים פון ליכט,
וואו עס בלענדט די אויגן,
מיש איך זיך אין פאַרבן שפּיל
ווי אַ רעגן בויגן.

זילבער, בלוי, און געל און רויט,
וואונדערלעכע פאַרבן
ליגן דאָרטן אויסגעשפּרייט
ווי אין פעלד די גאַרבן.

נאָכדעם זאָגט זי: קינדעלע,
שוין גענוג שפּאַצירן,
גיי אַהיים און שלאָף געזונט,
ווילסט, וועל איך דיך פירן.

און זי פירט מיך ביז׳ן שטוב,
שמייכלט מיר פון אויבן.
ביז איך מאַך די אויגן צו
קוקט זי אין די שויבן.

## מאַמעס שוים

ווען חברטעס צערייצן מיך,
און איך ווער ווילד פאַר כעס,
עס ווילט זיך זייער וויינען מיר
און ס'ווערט מיר ענג די גאַס,

דאַן גיי איך גלייך אין שטוב אַריין
און לויף אין מאַמעס שוים,
זי קוקט מיר אין געזיכט אַריין —
מיין כעס גייט תכף אוים.

צי גלעט זי מיך? צי קושט זי מיך?
איך וויים ניט וואָס זי טוט,
נאָר איך פאַרגעס, וואָס איז געווען,
און ס'ווערט מיר מאָדנע גוט.

## דערווינט

פון ערגעץ אַ פאַרצווייפלטער
געיאָגט זיך האָט דער ווינט.
געלאַכט ווי אַ משוגענער,
געוויינט אַזוי ווי אַ קינד.

מיין פענצטער האָט ער אויפגעפּראַלט,
צעעפנט ברייט מיין טיר.
און אַ איבערקערעניש
געמאַכט האָט ער ביי מיר.

געשליידערט אַלע פאַרהענגלעך
און בילדער פון דער וואַנט;
געריסן האָט ער בלעטערווייז
דאָס בוך ביי מיר פון האַנט.

איך בין ווי אַ צעטומלטע
געבליבן פון מיין גאַסט,
און ער האָט אַלץ ארומגעיאָגט,
געשמיסן און געכעסט.

נאָר ווי מיין מאַמע האָט פאַרמאַכט
די פענצטער און די טיר,
דער ווינט ליגט אַ צעשראָקענער
און גיט זיך ניט קיין ריר.

און שטילערהייט, איך ווייס ניט ווי,
פארשוואונדן איז ער באַלד,
מסתמא אין די פעלדער וואו,
און אפשר גאָר אין וואַלד.

## טייבעלעך

טייבעלעך בלויאינקע,
זילבערנע גרויענקע,
טייבעלעך ווייסער פון שניי.

טאַנצענדיק פליענדיק,
וואָרקענדיק שפילנדיק,
שניידן די לופט אין געדריי.

הערט שוין אויף פיינען זיך,
וואָרקען און חנען זיך,
טייבעלעך, קומט רוט זיך אוים!

פלאַטערט מיט אייערע
פליגעלעך, טייערע,
טוליעט זיך איין אין מיין שוים.

איך וויל זיין אַ לערערן,
ניט קיין אַנדער זאַך,
ווייל איך האָבן קינדערלעך
קליינינקע אַ סך.

אין קאָלירטע קליידעלעך —
פאַרבן אַלערליי,
ווי אַ גאָרטן בלימעלעך
וועל איך היטן זיי.

ווי די זומער פייגעלעך
פלאַטערן ארום,
וועל איך מיט די קינדערלעך
אומגיין אומעטום.

יעדער וועט זיך אָפּשטעלן,
נאָכקוקן פארטראכט,
שמייכלען און באוואונדערן.
אַך, ווי שיין, אַ פּראַכט!




## וואָלקנס

האָסטו ווען געזען ווי וואָלקנס
טאַנצן אוים אַ שיינע מעשה?
זעסטו דאָרט אַ ווילדע חיה
צוקט אַ לעמעלע אַ ווייסע?

און פֿאַמעלעך, גאָר פֿאַמעלעך
שווינדן ערגעץ ביידע.
זייער אָרט פֿאַרנעמען תּיכּף
באַבעלע און זיידע.

זיידע איז אַ ברייטער, הויכער,
מיט אַ באָרד אַ ווייסע, שיינע.
באַבעלע איז גאָר אַ ברעקל,
יאָגט אים נאָך מיט טריטלעך קליינע.

און זיי ציִען צו אַן אַלטן
שלאָס מיט טויזנט פֿענסטער,
וואו עס טאַנצן און עס הוליען
שדים און געשפּענסטער.

דאָרטן ווייט, ביים ברעג אין מערבֿ,
בלאָנדזשען קינדער קליינע.
ווײנען, בײנקען נאָך אַ מאַמע,
און אַ ליד אַ שיינע.

איצטער קומט אַ שיף אַ גרויסע
מיט אַ הויכן קוימען,
פֿירט זי אַלעמען צוזאַמען
אין די ליבע היימען.

און די שיף זי טוקט זיך, וויגט זיך,
אין די כוואַליעס זילבער ווייסע,
און די וואָלקענדלעך ווי פֿייעס
טאַנצן אוים אַ נייע מעשׂה.




# גענז

שווימען גענזעלעך אין טייך,
גאַ־גאַ־גאַ.
ווי סאָלדאַטן אַלע גלייך,
גאַ־גאַ־גאַ.

וואַרפט די זון אין טייך איר גאָלד,
גאָלד־גאָלד, גאָלד,
ווייל זי האָט די טייכן האָלט,
האָלט־האָלט־האָלט.

הימל מאַכט די טייכן בלוי,
בלוי־בלוי־בלוי.
שפּילט דער טייך מיט גאָלד און בלוי
אָט אַזוי.

## טייבעלע

קינדער וואַרפן ברויט אין טייך,
האַם־האַם־האַם.
כאַפּן עס די גענזלעך גלייך,
האַם־האַם־האַם.

לאַכן קינדערלעך פֿאַרשייט,
כאַ־כאַ־כאַ.
קלינגט דער עכאָ ערגעץ ווייט,
כאַ־כאַ־כאַ.

שווימען גענזעלעך אין טייך,
גאַ־גאַ־גאַ.
פֿילדערן און פֿליעסקען זיי,
גאַ־גאַ־גאַ.

איבער טייך און איבער וואַלד,
כאַ־כאַ־כאַ.
אַ געפֿילדער, אַ געוואַלד,
גאַ־גאַ־גאַ.

## פרילינג איז אַ ליבער

פרילינג איז אַ ליבער,
שמייכלט ווי אַ קינד,
קומט צו רייטן פריילעך
אַפן דרום ווינט.

ווי אַ קינד אַ שטיפער
שפּרינגט אַהער, אַהין.
אַלעמען באַקליידט ער
אין אַ סאַמעט גרין.

און ווי דורך אַ כּישוף,
ווערט דער הימל בלוי,
קושט זיך מיטן פרילינג,
שמייכלט אויך אַזוי.

און די הויכע בוימער
שושקען זיך אין וואַלד,
הערן עס די פויגלען
און זיי קומען באַלד.

קלייבן זיי, און פּיקן
פעדערלעך און שטרוי,
און זיי פלעכטן נעסטן,
און זיי טרינקען טוי.

פרילינג איז אַ ליבער,
שמייכלט ווי אַ קינד,
קומט צו רייטן פריילעך
אַפן דרום ווינט.




## ביזט קלוג און ביזט שיין

ביזט קלוג און ביזט שיין, ביזט ריין ווי אַ גאָלד,
דו וואַשסט מיטן צינגל דיין פעל...
נאָר שמעקסטו, צי הערסטו אין ערגעץ אַ מויז,
דאַן מאַכסטו פון אַלעם אַ תל.

די אייגעלעך גיבן אַ צונד און אַ ברען,
די נעגעלעך שטעקסטו ארויס,
און גיסט זיך אַ ריס, אַ יאָג און אַ שפרונג,
און יאָגסט נאָך אַ מיאוסע מויז.

כ׳וועל מעלקן פאַר דיר די רויטינקע קו,
און מאַכן אַ ווייסינקן קעזל,
כ׳וועל אָנטאָן אַ ראָזעווען שלייף אויף דיין האַלז,
זאָל פאַסטן דיין ראָזעוון נעזל.

כ׳וועל קאָכן פאַר דיר אין פוטער און מילך,
טייערע גוטינקע שפייז,
נאָר, קעצעלע מיינע, טו מיר צוליב:
פאַרלאָז דיינע מיאוסע מייז.

שטעלט זי די שיינינקע אויערלעך אָן
און הערט זיך גוט איין וואָס איך זאָג,
דאָס קעפל אַ נויג, מיטן עקל אַ בויג —
נאָר פאָלגן — אַ נעכטיקער טאָג!

## שעפּעלעך צוויי

מולינקעס ווייסינקע, זויבערדיק קלאָר,
יאָגן זיך, טראָגן זיך וואָלקנס אַ פּאָר.
שעפּעלעך שנייאיקע ווערן פון זיי,
שעפּעלעך ליכטיקע, שעפּעלעך צוויי.

הינטער די שעפּעלעך, האַמטנע שווער,
רוקט זיך אַ פינצטערער וואָלקן—אַ בער.
רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער צו זיי,
ביז ער דערלאַנגט שוין די שעפּעלעך צוויי.

צאַפּלען זיך שעפּעלעך, זויבערדיק קלאָר,
אין פינצטערע בערישע לאַפּעס אַ פּאָר.
צוקט ער פּאַמעלעך, פון קאָפּ ביז'ן עק,
ביז עס פאַרבלייבט נאָר אַ ראָזעווער פלעק.

## אַ בוים

שטייט אַ בוים, אַן אַלטער בוים,
יאָמערט באַ מיין שויב,
מיט די צווייגן טרוקענע,
גרויע, פול מיט שטויב.

אַלע ביימער פרילינג האָט
אויסגעפּוצט אין גרין;
אונזער בוים געבליבן נאָר
חושכדיק און דין.

שפּרייט צום הימל אוים דער בוים
זיינע דאַרע הענט;
„פרילינג, פרילינג! וואָס האָסטו
מיך אַזוי פאַרשעמט?"

שטייט אַ מיידעלעביים ים,
קליין און וואונדער שיין;
אויגן האָט זי בלויער נאָך
פון דעם ים אַליין.

און דער ים ווערט רואיק, שטיל,
שמייכלט ברייט און ווייט;
און זיין שמייכל רונצלט זיך,
ווי בא אַלטע לייט.

„קום אַהער, דו קליינינקע,
דו ביזט צאַרט און זים;
קום, איך וועל דיר אויסקושן
דיינע הענט און פים.

וואונדערס שיינע אַלערליי
איז פאַראַן אַ סך;
ליבער פון דיר, קינדעלע,
איז ניטאָ קיין זאַך.

מורמלט שטיל אַזוי דער ים
אַף זיין ימען שפּראַך:
„ליבער פון דיר, קינדעלע,
איז ניטאָ קיין זאַך״.

און די קליינע הערט זיך איין,
זי פאַרשטייט מסתם,
ווייל מיט הויפנס געלן זאַמד
קאָרמעט זי דעם ים.

און דער ים איז רואיק היינט,
מורמלט שטיל און רעדט,
פונקט אַזוי ווי באָבעלע
שעפּטשעט אין געבעט.

## מיין באָבעלע

מיין באָבעלע, אַ קליינינקע, אַ גרויע
און מעשות האָט זי שיינע אָן אַ שיעור,
און אויגן האָט זי קינדערישע, בלויע,
קינדערשע און בלויע, ווי ביי מיר.

זי זאָגט אַז איכ׳ל אויכעט זיין אַ באָבע,
אַ באָבעלע אַן אַלטיטשקע, ווי זי,
און טשאַמקען מיט דער גאָמבעלע אָן ציינער,
און טרייסלען מיט׳ן קאָפּ אַזוי ווי זי.

כ׳וועל ליב האָבן דערציילן לאַנגע מעשות
פאַרגעסן אין דער מיט אַוואו איך האַלט,
און קלאָגן זיך אַף רעגנדיקן וועטער
און, זיצנדיק אין זון, אַז „מיר איז קאַלט״.

ס׳איז קאָמיש זעלבע הענטעלעך ווי מיינע,
מיין גאָמבעלע מיט פּערלדיקע ציין
זאָל ווערן ווי אַן עפּל אַ געבאַקטע;
איך וועל ניט זיין אַ באָבעלע, ניין, ניין.

II

# אַ אינגעלע



## אַ אינגעלע

אַמאָל איז געווען אַ אינגעלע
מיט בלויע פאַר׳חלום׳טע אויגן.
ס׳האָט שטענדיק דעם קליינינקן אינגעלע
צום הימל און שטערן געצויגן.

געוואָלט האָט דאָס קליינינקע אינגעלע
נאָר כאַפּן אַ הויפן מיט שטערן,
און וואַרפן צו אָרימע קינדערלעך,
אום זייער געלעכטער צו הערן.

נאָר קליין איז געווען דאָס אינגעלע
די שטערן אַליין צו דערלאַנגען, —
האָט ער פון די שטראַלן די זילבערנע
געפלאָכטן אַ נעץ זיי צו פאַנגען.

איצט בלאָנדזשעט אַרומעט דאָס אינגעלע,
אַליין אין די שטראַלן געפאַנגען;
ווייט, ווייט פון דער ערד איז דאָס אינגעלע,
צום הימל קען ער ניט דערלאַנגען...

## שמעון

כ'האָב אַ חבר, הייסט ער שמעון,
האָב ער ליב זיך צו באַרימען.
כאָטש ער ווייסט עס איז אַ ליגן,
האָט ער פון דעם פאַרגעניגן.

אָט האָט ער אַ בער דערשאָסן,
נאָכדעם האָט עס אים פאַרדראָסן,
גיט ער אים אַ שנעל אין שטערן,
פליט ער גלייך צו זיינע בערן.

אויפ'ן ים אַ רייזע מאַכן
איז בא אים פון קליינע זאַכן :
אין אַ מולטער פון זיין מאַמען
שווימט ער איבער אַלע ים'ען.

מיט יונים און גזלנים
איז ער — גאַנצע מחותנים.
און כינעזיש קען ער שרייבן,
עראָפּלאַנען קען ער טרייבן.

ס'ניט געשטויגן, ניט געפלויגן —
זאָגן עדות זיינע אויגן...
אָט אַזאַ איז חבר שמעון,
וואָס האָט ליב זיך צו באַרימען.

## אַ גוט קינד

אַ גוט קינד איז שטיל און שאַ,
עס שרייט ניט פאַ, און שרייט ניט מאַ.
עס היט דאָס קלייד און האַלט זיך ריין,
עס זאָגט ניט יאָ און זאָגט ניט ניין.

עס שמייכלט שטענדיק צוקער זיס,
ווען ס׳ווילט זיך טופען מיט די פיס.
עס הערט זיך איין און רעדט ניט פיל,
מיט דרך־ארץ זיצט עס שטיל.

נאָר איך בין ביטערער פון גאַל,
איך טו אָן שאָדן איבעראַל.
געדענק ניט וואָס מען זאָגט מיר אָן,
און פאָלג ניט וואָס מען הייסט מיר טאָן.

איך קען ניט ליידן שטילערהייד,
איך שריי פאַר ווייטאָג און פאַר פרייד.
איך בין פאַרשמירט, איך בין צעהיצט,
אַ גלגול—זאָגט מען—אין מיר זיצט.

עס קאָכט, עס זידט אין מיר מיין בלוט,
איך קען ניט רוען איין מינוט.
איך בין אַ שד, איך בין אַ ווינט,
מען זאָגט, איך בין אַ שלעכטעם קינד.

# טייבעלע

אַזאַ שיינער טאָג אַ ליבער,
און דער הימל שמייכלט, שיינט;
קומט זשע, קינדער, אין די פעלדער,
לאָמיר יום־טוב מאַכן היינט!

לאָמיר פריילעך טאַנצן, שפּרינגען,
לאָזן לויפן זיך גאַלאָפּ —
ווי אַף פליגלען, ווי אַף ווינטן,
באַרג ארויף און באַרג אַראָפּ.

און די טייבעלעך די בלויע
רופן, מאַניען, ריידן איין:
— וואַרפט אַראָפּ פון זיך די זאַכן!
העי, קונדסים, שפּרינגט אַריין!

## אַ טייכל

לויפט אַ טייכל ביי מיין פענסטער —
זינגט זי און זי לאַכט.
זינגט זי לידעלעך די שענסטע,
זינגט זי טאָג און נאַכט.

אין די טעג דערהערט איר קיינער:
קיינער האָט קיין צייט,
לויפט זי דורך די געלע שטיינער,
טראָגט זיך ערגעץ ווייט.

נאָר באַנאַכט איז גוט צו הערן,
אַלעם האַלט דעם אָטעם איין,
ס׳טונקען זיך אין איר די שטערן,
און דער וואַלד ער הערט זיך איין.

זינגט די טייכעלע און מורמלט,
מעשה׳לעך זי ווייס אַ סך,
ווילע שלאָפן, שלאָפט זי קיינמאָל,
אייביג, אייביג איז זי וואַך...

## צו אַ שמעטערלינג

אָ, פלאַטער ניט, מיין פלאַטערל,
זע, שטיי נאָר רואיק, שטיי.
כ׳וועל אויסרייסן דיין פיסעלע,
זען צי טוט דיר וויי.

אָ, פלאַטער ניט, מיין פלאַטערל,
זע, שטיי נאָר רואיק, שטיי.
כ׳וועל אָפרייסן דיין פליגעלע,
זען צי טוט דיר וויי.

ווי שיין, ווי צאַרט דיין פליגעלע!
מיט גאָלד און ווייסן פוך,
איך וועל דיר גאָר ניט שעדיקן
נאָר איינפרעסן אין בוך.



## אַפֿן פֿאַרם

עפֿן איך די אויגעלעך,
איז נאָך זייער פֿרי;
ס'וועקן מיר די פֿייגעלעך,
סוויטשי-וויטשי-ווי.

ערגעץ קלינגען גלעקעלעך,
קלינג-קלאַנג-קלאַנג;
איבער פֿעלד און איבער וואַלד
פֿאַסטוכער געזאַנג.

קינדער טומלען, פֿרייען זיך
באַלד פֿון אין דער פֿרי,
און די הענער קרייען זיך:
קו-קע-דידל-די!

אויך דאָס געלע הענדעלע
שטעלט זיך אויבן-אָן;
מאָגער ווי אַ שפּענדעלע,
נאָר עס בלאָזט זיך אָן —
קו-קו-דידל-די!!!

## איך וואָלט זיין דער ווינטער

איך וואָלט זיין דער ווינטער,
וואָלט איך זיין אַ גוטער.
איך וואָלט יעדן קינדעלע
מיטברענגען אַ פּוטער.

און אין יעדן פּוטער
קעשענעס וואָלט מאַכן.
און אין יעדער קעשענע —
זיסע גוטע זאַכן.

איך זאָל זיין דער ווינטער,
וואָלט איך ניט געשוויגן,
ביז אַ יעדעס קינדעלע
וואָלט אַ שליטן קריגן.

און אַ יעדער שליטן
וואָלט אַליין געפלויגן,
באַרג־ארויף און באַרג אַראָפּ,
ווי אַ פייל פון בויגן.

איך זאָל זיין דער ווינטער,
וואָלט איך ווי די שנייען
מיט אַ יעדן קינדעלע
טאַנצן און זיך פרייען.

# פורים

פורים, פורים, שלח־מנות,
קאַלעקאַטקעס און מתנות —
איי, וואָס ס׳וועט זיך טאָן!...

גוטע זאַכן וועט מען נאַשן,
מען וועט באַקן המן טאַשן —
אָנגעפילט מיט מאָן!

ס׳איז אַ שאָד נאָר בנאמנות,
וואָס איין טאָג איז שלח־מנות,
ס׳האָט געדאַרפט זיין נאָך.

נויטיק וואָלט מען דאַרפן מאַכן
פורים און די גוטע זאַכן
כאָטש אַ יעדע וואָך.

## דוד איז אַ נאַר

דוד איז אַ שוטה,
דוד איז אַ נאַר.
איז ער גרין און געל,
איז ער דאַר און קוואַר.

גרינסן האָט ער פײַנט
בולקע ניט אַ ביס,
און די מילך — אַ גוואַלד —
טופּעט מיט די פיס.

פון דעם בעסטן מאכל
נאָר אַ לעק, אַ שמעק,
און פאַרקרימט זײַן נעזל
גײט פון טיש אַוועק.

דוד איז אַ שוטה,
דוד איז אַ נאַר,
איז ער גרין און געל,
איז ער דאַר און קוואַר.

## שדים

מאַמע, זאָג: איז טאַקע דאָ
אויף אַן אמת שדים?
זיינען זיי אין הימל דאָ,
אָדער אויפן בוידים?

לאַכט די מאַמע, קושט מיך שטאַרק
און זי זאָגט: אַז — ניין.
אויב עס איז נאָך דאָ אַ שד,
בין איך דאָס אַליין.

טאָמער פרעג איך נאָך עפּעס,
בין איך שוין אַ קלעק.
כאַפּ איך אַן דאָס קעצעלע,
שלעפּ עס פאַרן עק.

איבער טיש און איבער בענק
יאָג איך זיך גאַלאָפּ. —
איך קער איבער אַלץ אין שטוב
מיטן קאָפּ אַראָפּ.

טרובע ווי אַ פייערמאַן,
מעקע ווי אַ קו.
נאָכדעם קריי איך ווי אַ האָן
קו־קע־רי־קו־קו!

## צוויי אינגלעך

לייבעלען איז גאָר ניט פריילעך,
כאָטש עס פעלט אים ניט קיין זאַך,
שטענדיק טראָגט ער שיכלעך נייע,
שטענדיק האָט ער טאָרט אַ סך.

נאָר מען קוקט אים אין די אויגן,
רק מען פרעגט אים, וואָס אים פעלט,
צאַצקעס ברענגט מען אים די בעסטע
און די שענסטע אויף דער וועלט.

נאָר ער ליגט עס קאַלט אַנידער,
ניט עס רעגט אים, ניט עס פרייט.
ווײַלע אַלץ, וואָס ער פאַרטראַכט נאָר,
ליגט שוין פאַר אים אָנגעגרייט.

יאָסעלע איז אָפּגעריסן,
עסן האָט ער ניט צו זאַט,
נייע שיכלעך, נאַשערייען
האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט.

נאָר די אויגן זײַנע שײַנען,
פול איז ער מיט פרייד, מיט גליק
ווייל פון ברעטלעך און פון שפּענדלעך
האָט ער איצט געמאַכט אַ בריק.

ער קען בויען שיפן, באַנען.
פלענער האָט ער אָן אַ שיעור,
יעדער אַלטער טשוועקל, שפּענדל
מאַכט אים פאַר אַ גרויסן גביר.

נאָר ער איז פאַרטאָן, פאַרהאַוועט,
רק ער בויט און רק ער טוט,
און דערפאַר איז אים מסתמא
שטענדיק פריילעך, שטענדיק גוט.

# דער פוילער

אַן איינפאַל פון אַ פוילן, האָסט געהערט —
אַ גאַנצן טאָג צו פּטרן באַשערט.
איך כאַפּ זיך אויף, איך ליג אַזוי און טראַכט:
עס מוז שוין זיין אודאי זייגער אַכט...

— וואָס איילסט זיך אַזוי פרי? דו האָסט נאָך צייט,
די שול איז דאָך פון דאַנען גאָר ניט ווייט. —
איך וואונדער זיך — ווער קען עס זיין, וואָס רעדט?
איך גיב אַ קוק — אַ אינגל אויף מיין בעט.

אַ מאָדנע זאַך: ער קוקט אויס פּונקט ווי איך,
און טראָגט אויך מיינע זאַכן, מיינע שיך,
די בעקלעך אַזוי קיילעכדיק און פיין,
די אויגן און דאָס נעזל פּונקט ווי מיין.

— ווער ביזטו און ווי רופט מען דיך? זאָג אויס,
און ווי ביזטו געקומען אין מיין הויז? —
ער שמייכלט און ער קוקט אַזוי אַף מיר,
ער גענעצט און ער גיט זיך ניט קיין ריר.

„מען רופט מיך, זאָגט ער, פוילער, אומעטום,
איך ווייס ניט און געדענק ניט ווי איך קום,
נאָר זיי אַ גוטער, ליג נאָך אַ פּאָר שעה,
און מיך לאָז גאָר אין גאַנצן בלייבן דאָ.

עס איז דאָ אַזוי וואַרים, אַזוי וואויל
און איך בין אַזוי פויל, אַזוי פויל"...
אַזוי־אַ האָט דאָס אינגל אַלץ גערעדט...
געהאַלטן מיך אַ האַלבן טאָג אין בעט.

נאָר מאָרגן, אַז ער'ט וועלן שלאָפן שפּעט,
וועל איך אים דאַן ארויסוואַרפן פון בעט.
איך דאַרף ניט... אַזאַ פוילער, ווי אַ בער...
איך קען נאָך ווערן פויל אַזוי ווי ער.

## ארויסגעוואָרפענע

— פאַרוואָס האָט מען ארויסגעוואָרפט
די זאַכן אויף דער גאַס?
עס גייט אַ רעגן, מאַמע, זע,
מיר ווערן ביידע נאַס. —

די מאַמע ענטפערט ניט אַ וואָרט,
זי בויגט איר קאָפּ נאָך מער,
און אויף דעם אינגלס קעפּעלע
פאַלט אַ הייסע טרער.

דער מאַמעס טרערן שרעקן אים,
דאָס קינד ווערט רויט און בלאַס:
צום ערשטן מאָל זיין הערצעלע
ווערט אָנגעפילט מיט האַס.

צו וועמען, וואָס, און ווי אַזוי,
דאָס וויים ער נאָך ניט קלאָר.
נאָר וואַקסן וועט דער האַס מיט אים
אַלץ שטאַרקער — יאָר נאָך יאָר.

ער וועט אַמאָל זיך רעכענען
פאַר יעדער איינער טרער,
פאַר אַלע מאַמעס אָרימע,
פאַר לעבנס וויסט און שווער.



#ווינטן

ווינטן זיינען אָנגעקומען
ערגעץ פון דער וועלט,
און געבראַכט אונז אַ מתנה —
ווינטערדיקע קעלט.

הוליען ווינטן אויף די דעכער
רייסן זיך פאַראויס,
דורך די שפּאַלטן און די לעכער
רייסן זיך אין הויז.

אין די אָרימינקע הייזער
קינדער זענען בלאַס,
און עס הוליען דאָרט די ווינטן
מערער ווי אין גאַס.

אין די אָרימינקע הייזער
בושעוועט די נויט,
און די קליינע קינדער וויינען:
— מאַמע, מאַמע, ברויט!

אין די אָרימינקע הייזער
הונגער ליגט צעשפּרייט,
און די ווינטן מיטן דלות
שפּילן אויפן פּלייט.

## מיין סאָד

אַלע בוימער אין מיין סאָד
האָבן זיך צעבליט;
אַף די קינדער-קעפּעלעך
רעגנט ווייסער צוויט.

ווייסע געלע פלאַטערלעך
זיינען אָנגעקומען,
קושען זיך די פלאַטערלעך
מיט די רויטע בלומען.

קושן זיך די פויגעלעך
אין די גרינע צווייגן;
שושקען זיך די בלעטעלעך,
נאָר די בוימער שווייגן



## אַ שטורם

אין אַ שטילן שטומען פּחד
רוקן זיך צענויף די בערג;
און צוזאַמען אַלע ביימער
נידערן די קעפּ צו דר'ערד.

שוואַרץ און פינסטער איז דער הימל
און די לופט איז פול מיט שרעק;
ווער עס האָט נאָר וואו אַ ווינקל,
איז אין איילעניש אַוועק.

נאָר אַ פייגעלע אַ פּיצל
פליט אַהער און פליט אַהין;
האָט פאַר שרעק איר נעסט פאַרלאָרן,
פליען ווייס זי ניט וואוהין.

## טאַטע-מאַמע

מיין טאַטע איז שטענדיק אַ בייזער
מיין מאַמע, זי שלאָגט און זי שרייט:
איך בין ניט געראָטן, בין נאַריש,
און קורצן, איך בין ניט קיין לייט.

באַם טיש האָב איך נעכטן געדרעמלט
געמאַכט זיך איך שלאָף, אויף שפּאַס.
די מאַמע ט׳גענומען מיך אויסטאָן,
גערעדט צו דעם טאַטן אָן כעס:

„אַ טייערעס קינד, נאָר אַ שטיפער,
אַ קלוגער, און גוט — אָן אַ שיר.
איך האָב אים אומזיסט היינט געשלאָגן;
ס׳זאָל, קינדעלע, מיר זיין פאַר דיר״.

דער טאַטע ט׳מיר צערטלעך געטראָגן
און איינגעדעקט ווארעם אין בעט,
געקושט מיך אין שטערן מיט ליבשאַפט
און שטיל צו דער מאַמען גערעדט...

דאָס האָט מיך געמאַכט צו פאַרגעסן
די שטענדיקע קלעפּ און געשריי,
איצט מעג מען מיך שלאָגן און שרייען —
עס טוט מיר אַפילו ניט וויי.

# אליהו הנביא

אַלע כוסות אָנגעפילטע
שפיגלען זיך אין רויטן שיין.
„שפּוך חמתך״ זאָגט דער טאַטע,
„אליהו דאַרף אַריין״.

ווינקט די מאַמע מיט אַ שמייכל,
איך זאָל עפענען די טיר.
פון דערוואַרטונג, צי פון מורא,
ציטערן די הענט ביי מיר.

כ׳האָב דערפילט אַ רויש, אַ פלאַטער
עפענענדיק ברייט די טיר.
זאָל דאָס זיין פון אליהו׳ן,
אָדער גאָר דאָס האַרץ אין מיר?

כאָטש מען זעט אים ניט אריינגיין,
און מען הערט אים ניט ארויס,
ברענגט ער הויפנס פרייד און ליבע
אין אַ יעדן אָרים הויז.

און מיט צוגעמאַכטע אויגן
זע איך פשוט, קלאָר
אַט דעם אַלטיטשקען דעם ליבן,
מיט די זילבער ווייסע האָר.

## איך בין שוין אַ גרויסער

איך בין שוין אַ גרויסער.
מיין טאַטע זאָגט — ווייס ער,
ער זאָגט: אַז איך בין שוין פינף יאָר.

נאָר בלייב איך אַליין,
דאַן בין איך נאָך קליין —
איך שרעק זיך פאַר יעטווידער האָר.

מיין שוועסטער נחמה
און אויכעט מיין מאַמע
זיי זאָגן: איך בין שוין אַ מאַן.

נאָר שפּעט בא דער נאַכט,
ווען ס׳ליכט איז פאַרמאַכט,
דאַן ציטער איך געבן אַ שפּאַן.

איך שרעק זיך פאַר הינט,
ווי אַ פּיצעלע קינד,
און ס׳שרעקט מיך אַ שאָטן אַמאָל.

ס׳זאָל קיינער ניט הערן,
וואָלט איך זיך דאַן גערן
צעוויינען גאָר הויך אויפן קול...

ס׳איז זייער ניט שיין,
איך ווייס דאָס אַליין,
איך שעם זיך. נאָר וואָס זאָל איך טאָן?

אַז שטילינקערהייט
איך שרעק זיך אויף טויט,
עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן.

און זומער אין היצן
די דונערן, בליצן,
וואָס פאַלן ווי שלאַנגען אַראָפּ,

ס׳זאָל קיינער ניט וויסן
באַהאַלט איך אין קישן
און אונטערן קאָלדרע מיין קאָפּ.

## „מיין טייערע קינד"

ווען ס'פלעגט מיך מיין טאַטע
אין מיטן דערינען
אַ רוף טאָן: „מיין טייערע קינד",

האָב איך שוין פאַרשטאַנען,
עס שמעקט מיט אַ צרה.
איך האָב שוין אויף זיך עפּעס זינד.

איך פלעג מיט אַ ציטער,
אַ שרעק און אַ מורא
פּאַוואָלינקע צוגיין צו אים,

און ווי פאַר אַ ריכטער,
אַ שטרענגן, אַ בייזן
זיך גרייטן פאַר מיין יום הדין.

ער פלעגט מיך ניט שלאָגן,
און קיינמאָל ניט שרייען,
און גאָרניט געשען פלעגט אין פלוג.

נאָר קוקן מיט ביטול,
מיט שפּאָט און מיט חוזק,
און דאָס איז געווען גענוג.

## ווינטער

ווינטער, ווינטער, אַלטער, קאַלטער.
שרעקט מיט שניי און קעלט,
אָבער מיר איז זייער פריילעך
אין אַ ווייסער וועלט.

ווינטער, ווינטער איז אַ בייזער —
שמייסט ער מיך מיט שניי,
אָבער מיר איז זייער פריילעך,
טוט מיר גאָר ניט וויי.

שטעל איך אויס מיין נאַקעט פּנים —
שנייעלעך, הו־הו. —
און, ווי שמעטערלינגען ווייסע,
קלעפּן זיי זיך צו.

קייקלען מיר זיך באַרג אַרונטער,
איך פאַרליר מיין הוט.
קומט זיך פרייען מיט די שנייען,
קינדערלעך, ס׳איז גוט!



## לייזערס צרות

ווייל איך זיין אַ גוטע קינד —
נאָר איך ווייס ניט ווי,
און מיין שלעכטסקייט הויבט זיך אָן
אַלע טאָג גאַנץ פרי.

אויפשטיין פויל איך זיך אַליין,
ביז עס ווערט שוין שפּעט.
שלעפּט מען מיך מיט אַ געוויין
פון מיין וואַרים בעט.

באָדן זיך אין קאַלטן שפּריץ,
דאָס איז גאָר אַ גרויל!
שפּינאַט שטופּט מען מיר מיט גוואַלד
יעדן טאָג אין מויל.

ס'ווילט זיך מיר גאָר אומלויפן,
שפּילן מיט מיין פערד,
און מיט קרייד צו צייכענען
מענטשלעך אַף דער ערד.

קלאַפּ איך טשוועקעלעך אַ פּאָר —
פּטר איך די ווענט.
שפּיל איך זיך אין גאַס מיט קויל —
שמיר איך איין די הענט.

וואָס איך וויל, דאָס טאָר איך ניט —
אַלץ איז מיר פאַרווערט.
דאָס ניט ריים! און דאָס ניט ברעך! —
וואָס איך טו איז שלעכט.

ווען איך האַלט אין מיטן שפּיל,
יאָג זיך נאָך אַ האָז —
מוז איך פּונקט צו דער מינוט
טרינקען מילך אַ גלאָז.

וויפל בלייבט עס, אַז מען נעמט
צוויי פון פיר אַראָפּ?
קען איך ניט באַרעכענען —
שרייט מען: „גראָבער קאָפּ!"

וואָלט איך זיין אַ גוטע קינד,
טו איך אַלץ ניט גוט.
איז מיר זייער, זייער שלעכט!
כ׳ווייס ניט, וואָס מען טוט.

## פייגל, פייגל, פייגעלע

פייגל, פייגל, פייגעלע,
קום אהער צו מיר.
זאָג מיר, קליינע פייגעלע,
ווער עס לערנט דיר.

אז קיין ביכער האָסטו ניט
און קיין נאָטן ניט,
ווי זשע קענסטו אויסזינגען
אזאַ האַרציק ליד?

ווי זשע קענסטו אומפליען
וואו דיין האַרץ געלוסט?
ווי איז יעדעס ווערעמל
דיר אזוי באַוואוסט?

ווי זשע קענסטו אויסבויען
אזאַ וואַרעם נעסט?
אזוי קלוג באַהאַלטן זיך
אין די גרויסע פרעסט?

ווייסט וואו דרום, צפון איז,
ווייסט וואו וואַרעם, קאַלט,
און דו ווערסט גאָר ניט פאַרבלאָנדזשעט
אין דעם טיפן וואַלד.

## איך וואָלט וועלן...

איך וואָלט וועלן פירן שיפן,
זיין אַ קאַפּיטאַן.
אָדער אין די וואָלקנס פליען
אויף אַן עראָפּלאַן.

מיט מיין קאָפּ וואָלט איך דעם הימל
אָנרירן געקענט.
און די זון ארומגענומען
כ'וואָלט מיט ביידע הענט.

און די ימען אויסגעמאָסטן
אין דער לענג און ברייט.
און מיט זיך וואָלט איך פאַרנומען
שטיקער זון און פרייד.

# אַ שרעקלעכע מעשה

איך ווייס ניט פאַרוואָס, און איך ווייס ניט פאַר ווען,
צי איצט, צי אַמאָל איז די מעשה געשען.
נאָר, קינדערלעך, הערט סאַראַ שרעקלעכע זאַך
עס האָט זיך געטראָפן מיט חיות אַ סך.
און אפשר נאָר איינע, איך ווייס ניט געוויס,
געהערט האָב איך טראָמפּלען אַ טויזנטער פיס.
אַ שרעקלעכע חיה, איך ווייס נאָר ניט ווער —
עס קען זיין אַ קו, און עס קען זיין אַ בער.
געלאָפן, געפלויגן, איך ווייס ניט וואוהין,
עס קען זיין אַהער, און עס קען זיין אַהין.
פלוצים — אַ קראַך! נאָר איך ווייס ניט פון וואָס —
עס קען זיין אַ שאָס, און עס קען זיין אַ נאָס.
געפאַלן, געפאַלן, איך ווייס ניט צו טויט,
געגאָסן האָט בלוט, נאָר איך ווייס ניט צו רויט.
גאָר שרעקלעך, גאָר שרעקלעך ׳ז די מעשה געווען,
איך ווייס ניט פאַרוואָס, און איך ווייס ניט פאַר ווען.


נ.קאזלאווסקי

# אַ חלום

איינגעשפּאַנט מיין חבר — ווינט,
לאָזן מיר זיך זאַלבענאַנד
אין גאַלאָפּ — היי־האָ — געשווינט!
אין דער וויט, פון לאַנד צו לאַנד.

זון איז אין פּורפּור קלייד
איינגעשלאָפן אָפן ברעג,
און לבנה האָט מיט פרייד
אונז באַגלייט דעם גאַנצן וועג.

זינגען פריילעך אַלע דריי:
די לבנה, ווינט און איך,
שוועבנדיק זיך לייכט און פריי,
ווי די וואָלקנס שנעל און גיך.

איבער טאָלן, בערג און שניי,
איבער וועלדער, איבער ים
אין אַ פריילעכן געדריי
כאַפּן מיר דעם אָטעם קאַם.

פלוצים רינגלען אונז ארום
חיות ווילדע אָן אַ צאָל.
לייבן, וועלף מיט אַ געברום
אָף אַ מורא׳דיקן קול.

ריזן ביזן הימל הויך,
קאַרליקעס מיט שפּיז און שווערד,
שלאַנגען שיפּען, שפּייען רויך,
פון די היילן אונטער דר׳ערד.

ווינט באַהאַלטן האָט זיך באַלד,
אויך לבנה איז אַוועק!
איך אַליין נאָר שריי ג־ע־וו־אַלד!!!!
אַ פאַרגליווערטער פון שרעק.

אַז איך האָב זיך אויפגעוועקט
איז געווען שוין זייער שפּעט.
און מיין קעצל לעקט און שמעקט,
שפּרינגט ארום בא מיר אין בעט.

אַז מיין מאַמע פרעגט בא מיר
וואָס איך שריי אַזוי פון שלאָף?
איך דערצייל איר פון שפּאַציר
אַלץ פון אָנהויב ביזן סוף.

זאָגט זי: אַז איך בין אַ נאַר,
מיט דער קאַץ איך שלאָף און שפּיל —
חלומט זיך מיר נאָר דערפאַר
נאַרישקייטן אַזוי פיל...

## פליען פייגעלעך...

פליען פייגעלעך אין רוימען,
פליען אין דער ווייט.
שפילן קינדערלעך אין היימען,
ביי דער מאַמעס זייט.

כ׳וואָלט אַ פייגעלע געוועזן,
אָדער גאָר אַ ווינט.
איידער „ספינאַטש“ דאַרפן עסן,
ווי אַ „גוטע“ קינד.

כ׳וואָלט ווי פייגעלעך געפלויגן
אין דער ווייטער ווייט,
דאָרטן וואו אַקאַציעס בליען,
איידער „זיין אַ לייט“.

כ׳וואָלט מיט פייגעלעך געזונגען,
ביז די זון פאַרגייט,
און מיין שטימע וואָלט געקלונגען
ווי אַ זילבער-פלייט.

## אַ שטיבעלע פון שניי

איך האָב געמאַכט פון שניי
אַ שטיבעלע פאַר צווייַ.
באַלקאָנען און אַ דאַך,
און פענסטערלעך אַ סך.

נאָר אימיצער באַנאַכט
האָט אַלץ אַ תל געמאַכט,
צעגאַנגען איז אין שניי
מיין שטיבעלע פאַר צווייַ.

דער טאָג איז וואַרים הייַנט,
די זון מיט חוצפה שייַנט,
און קינדער אַזוי פיל —
זיי ליאַרעמען אין שפּיל.

נאָר איך בין הייַנט אין כעס
אַף אַלעמען אין גאַס:
פאַרוואָס זאָל גלאַט אַזוי
צעגייַן אַ קלאָרער שניי?...

# יודעלע

עס קומען פון פעלדער
די שאָף און די רינדער,
זיי גייען שוין שלאָפן
ווי קליינינקע קינדער.

נאָר יודעלע זיצט נאָך
אין שוים ביי דער מאַמען,
ער קוקט ווי עס צינדן
די בערג זיך אין פלאַמען.

ער קוקט ווי די זון קושט
די ערד און דעם הימל,
און זעגנט זיך האַרציק
מיט יעטווידער בלימל.

זיי קושן זיך, פלעכטן זיך
אַלע צוזאַמען.
ווייל יודעלע אויך זיך
צוקושן מיט מאַמען.

פאַרשעמט ער זיך — פּלוצים
אין מיטן דערינען —
באַדאַרף מען אַ תירוץ
אַ גוטן געפינען.

ער לאָזט באַלד די אויגן
גנביש אַראָפּ,
און פיעסטשעט זיך: „מאַמע,
ס'טוט ווי מיר דער קאָפּ".

די מאַמע זי גלעט אים
און קושט אָן אַ שיעור.
אָ, זונעלע מיינער,
ס'זאָל מיר זיין פאַר דיר.

## יום-טוב אינדערוואָכן

וואָס-זשע דאַרף איך פּסח,
סוכות אָדער שבועות,
אַז אַ גאַנצע וואָך איז
יום-טובדיק אַ חיעס?

שטיי איך אויף באַגינען,
דאַרף איך זיך ניט איילן;
דורכן פּאַרק שפּאַצירן
גיי איך לאַנגע מײלן.

יום-טובדיק און פריילאך
לאַכט די זון אַנטקעגן;
און אַ פרייד צעשפּרייט זיך
איבער מיינע וועגן.

ס׳ווינקען פון די גראָזן
בלימעלעך צעפּלעמטע;
ווינקען מיר און שמייכלען,
רויטלען זיך פאַרשעמטע.

און פרימאָרגן-שירה
אַלע פייגלען זינגען,
אַז מיר ווילט זיך טאַנצן
און מיר ווילט זיך שפּרינגען.

יום-טוב אינדערוואָכן
האָב איך אויך אין שולע,
לעבעדיק און פריילעך,
קינדערלעך אַ פולע.

פֿון אַן עמער וואַסער
און אַן עמער זאַמד
גראָב איך טיפֿע ים'ען
צו אַ ווײַטן לאַנד.

וואָלקנס וועלן טרינקען
פֿון מײַן טיפֿן ים,
און די זון וועט זינקען
אין מײַן טיפֿן ים.

שטורמס וועלן קומען
אַף מײַן גרויסן ים,
כוואַליעס וועלן ברומען
אַף מײַן גרויסן ים.

ס'וועלן די טומאַנען
אַף מײַן ברייטן ים
שרעקן קאַפּיטאַנען
אַף מײַן ברייטן ים.



נח'ן אַ מתּנה

# נח נאַשער

זיינען זיך ביים טיש געזעסן
אַלע קינדער און געגעסן;
נח זעצט זיך אויבן אָן,
הויבט אָן קרייען ווי אַ האָן.

מאַכט ער אַלע קינדער לאַכן,
גיבן זיי אים גוטע זאַכן.
האָקוס, פּאָקוס, אָט אַזוי,
ציינגט ער קונצן אַלערליי.

טייבקען ציינגט ער ווי אַ פויגל
מיטן שנאָבל פּיקט אַ בייגל.
פּיק, פּיק, פּיק, אַהין־אַהער,
און ניטאָ קיין בייגל מער.

שפרה, שפרה, גיב דיין זעמל,
וועל איך ווייזן ווי אַ קעמל
רוקט אריין די נאָז אָט דאָ,
און דער זעמל איז ניטאָ.

מאַשקע, גיב אַהער דיין קוכן,
כ'וועל אַ שטיקעלע פאַרזוכן,
וועל איך ציינגן ווי אַ האָן
פּיקט אַראָפּ די גאַנצע מאָן.

און דער קליינער ברודער בעניע
האָט אַ טעצעלע וואַרעניע.
נח לעקט עס ווי אַ בער,
און דאָס טעצעלע ווערט לער.

## טייבעלע

זיסע טיי דערלאַנגט אים סאָניע,
און ער צייגט איר ווי אַ פּאָניע,
אָט אַזוי, און אָט אַזוי
כליאָבעט אוים די גאַנצע טיי.

יענטל האָט אַ בולבע לאַטקע,
בערטע האָט אַ שאָקאָלאַדקע,
און מיט קונצן אַלערליי
נאַרט ער אַלעם אוים ביי זיי.

קליינוואַרג קייקלט זיך פון לאַכן,
נח נאַשט די גוטע זאַכן;
ס'פּאַלט זיי גאָר ניט איין אין קאָפּ,
אַז ער נאַרט זיי אַלע אָפּ.




## דער אידל מיט דער פידל

„קלייבט זיך אויף איר אַלע
גוטע מענטשן,
האָט רחמנות, שיינקט אַ שטיקל ברויט".

אָט אַזאַ מין לידל
זינגט אַן אָרים אידל,
אויף אַ פידל וויינט ער אויס זיין גרויסע נויט.

פון די פענסטער הויכע
קוקן קינדער בלייכע,
קופּערנע מטבעות וואַרפן זיי אַמאָל.

און דער אַלטער אידל
ריפּעט אַף זיין פידל,
מיט אַן אומעטיקן, הייזעריקן קול.

און אַ רעגן גרויער
נעצט אַדורך מיט טרויער
אי דעם אידל, אי די פידל, אי זיין קול.

## פחד

אַף די הויכע פעלזן
האָב איך ליב צו שטיין;
נאָר עס פאַלט אַן אימה,
כ'פיל זיך אַזוי קליין.

אין געדיכטע וועלדער
האָב איך ליב צו גיין;
נאָר איך פיל זיך שפּל,
ווי אַ וואָרם קליין.

בא דעם ים אין שטורם
ליב איך זיין אַליין;
נאָר איך פיל זיך עלנד,
קלענער נאָך פון קליין.

אַמאָל פֿאַרטראַכט איך זיך, פֿאַרקלער,
פֿאַרגעס איך וואָס איך בין און ווער,
פֿאַרגעס איך גאָר אַז איך אַליין
בין ווי אַ פֿליג, אי שוואַך אי קליין.

נאָר מיט אַמאָל ווער איך אַ ריז,
מיט לאַנגע, לאַנגע דינע פֿיס;
מיט איין און איינציק לאַנגן שפּאַן
גיב איך אַ שפּרייז דעם אָקעאַן.

אַזוי שפּאַציר איך ווייט, העט-העט,
אַריבער בערג, אַריבער שטעט,
אַריבער רוים, אַריבער צייט,
אין ערגעץ אין דער בלאָער ווייט.

דאָרט איז ניטאָ קיין ים, קיין לאַנד,
די גאַנצע וועלט איז אין מיין האַנט;
און, ווי אַ פּילקע אין אַ שפּיל,
וואַרף איך די וועלט אַוואו איך וויל.

## ווי גוט עס וואָלט געווען

אַנטלויפן פון דער שטאָט און פון דעם רעש,
אַנטלויפן פון משוגענעם מיש־מאַש,
אַנטלויפן אין אַ וואַלד איז וואָס איך וויל,
אַנטלויפן אַוואו רואיק איז און שטיל.

כ'וואָלט אויפשטיין מיט דער זון דאָרט צוגלייך,
און באָדן זיך אין זינגענדיקן טייך,
כ'וואָלט רוען אין דעם שאָטן פון אַ בוים,
און שפּיגלען זיך אין זונעדיקן רוים.

כ'וואָלט פילן ווי דער וואַלד האָט זיך פאַרטראַכט,
און הערן ווי עס סודעט זיך די נאַכט,
און איינזאַפּן די שטילקייט ווען איך קען . . .
ווי וואונדערלעך, ווי גוט דאָס וואָלט געווען!

## מיין גרויסער ברודער

כ׳האָב אַ גרויסן ברודער,
אַיי איז ער אַ גבור,
שפּרינגט ער איבער דעכער,
שפּרינגט ער איבער גריבער.

מיט זיין קליינעם פינגער
לייגט ער איין אַ פויער,
און, אַז ער זאָל וועלן, —
וואַרפט ער איין אַ מויער.

און פון אַלע דעכער
גנבֿ׳עט ער די טויבן.
און ביי אַלע שכנים —
ברעכט ער אויס די שויבן.

אויפן גאַס די קינדער
מאַכן אים אַ וואַרע,
נאָר מיין טאַטע רופט אים:
„שיינער תנא ברא״...

III

# ערגעץ ווייט



## קינדער

קינדערלעך אין אַפריקע,
קינדער אין יאַפּאַן;
וואו עס זיינען קינדערלעך,
דאָרט איז פרייד פאַראַן.

אַלע קליינע קינדערלעך
זיינען קלוג און שיין,
שוואַרצינקע און ווייסינקע,
אַלע פול מיט חן.

## ערגעץ ווייט

ערגעץ ווייט אַהינטער כינע
איז פֿאַראַן אַזאַ מדינה.
מ׳דאַרף ניט אַרבעטן, ניט שקלאַפֿן,
קינדער לעבן ווי די גראַפֿן.

ניט קיין לערער, ניט קיין קלאַסן —
קען מען הוליען אין די גאַסן,
מ׳דאַרף ניט קאַמען, זיך ניט וואַשן,
שאָקאָלאַדע קען מען נאַשן.

בעטן זיינען אַלע דאָרטן
אויסגעמאַכט פֿון זיסע טאָרטן;
דאַרפֿסט דעם צינגל נאָר אויסשטרעקן,
קענסטו צוקערלעקעך לעקן.

אַז דו ווילסט, קענסטו זיך ליגן,
נאַשן טאָרט און כאַפּן פֿליגן;
ווילסטו — שפּרינגסטו אויפֿן סטעליע,
ווילסטו — שפּילסטו אין קאַפּעליע.

ס׳זינגען דאָרטן אַלע פֿישן,
קינדער טאַנצן אויף די טישן;
יעדער לעבט זיך ווי אַ מלך,
ס׳איז דאָרט לעבעדיק און פֿריילעך.

ווען איך וויים דעם וועג קיין כינע
וואָלט איך זוכן די מדינה;
ס׳קען זיך זיין אַביסל ליגן,
אָבער גוט — אַ פֿאַרגעניגן.

## עסקימאָסן

די עסקימאָסן האָבן ניט קיין זייגער —
די קינדער ווייסן קיינמאָל ניט ווי שפּעט:
ווייסן זיי ניט ווען צו בעטן עסן,
און ווייסן ניט, ווען לייגן זיך אין בעט.

פון אייז זיינען די בעטן און די הייזער,
די פּערענעס און קישעלעך פון שניי,
דער הימל און די פינקלדיקע שטערן —
אַ דעקע פון בריליאַנטן איבער זיי.

דער ווינטער איז אַ קאַלטער און אַ בייזער,
ער שאַלטעוועט און וואַלטעוועט אַ גוואַלד,
נאָר קינדער זיינען אָנגעפּעלצט און וואַרים,
זיי שפּילן זיך ווי בערעלעך אין וואַלד.

זיי חלומען פון זומער, וואָס וועט קומען
און עפענען די טייכן פול מיט פיש,
און ברענגען אַף אַ ווײַלע שיינע בלומען
מיט יאַגעדעס מחיהדיק און פריש.

זיי יאָגן זיך דערווײַלע פייל פון בויגן
אין גלעקלדיקע שליטעלעך מיט הינט,
מיט פינקלדיקע שוואַרצע מאַנדל-אויגן,
מיט קינדערשן געלעכטער קעגן ווינט.

# יאַפּאַן

וויפל שיינקייט איז פאַראַן
אין דעם זוניקן יאַפּאַן!
פאַרבן געל און פאַרבן בלוי
שפּיגלען זיך אין טראָפּנס טוי.

שטיל און חנעוודיק און איידל
איז די יאַפּאַנעזער מיידל,
שמאָלע הענט און מאַנדל-אויגן,
גראַציעז זי טוט זיך בויגן.

בויגיקער פון יונגע גראָז,
צאַרטער, איידעלער פון ראָז;
אין קימאָנאָס פּראָסט, באַשיידן
טוען זיי זיך אַלע קליידן.

היימען ווייסינקע און ריינע,
מעבל מיניאַטורנע, קליינע;
יעדער שטוב האָט פרישע בלומען,
און זיי שמעקן ווי פּאַרפומען.

ניט קיין פרעסט און ניט קיין שנייען,
ניט קיין בייזע ווינטן ווייען,
זונענשטראַלן, וואַסערפאַלן...
פעלדער ברייטע, רייז פּאַרזייטע.

וויפל שיינקייט איז פאַראַן
אין דעם זוניקן יאַפּאַן!
פאַרבן געל און פאַרבן בלוי
שפּיגלען זיך אין טראָפּנס טוי.

# אפריקאַנער קינדערלעך

אַפריקאַנער קינדערלעך,
שוואַרצער נאָך פון קויל,
אינגעלעך און מיידעלעך,
אַלע נאַקעט הויל.

צירונג טראָגן זיי אַ סך —
פּאַטשערקעס פון גלאָז,
און בראַסלעטן אָף די פיס,
אוירינגלעך אין נאָז.

קומט אַ ווייסער דאָרט אַמאָל —
לאַכן זיי גאָר אָפּ,
און מיט חוזק קוקן זיי
אָף זיין גאַרדעראָב.

ס'זיינען דאָרט קיין באַנען דאָ,
קיין אויטאָמאָביל,
אָבער פרוכטן טייערע —
וויפיל נאָר מען וויל.

ביימער ביזן הימל הויך
פול מיט קאָקאָ נים,
און אָף ביימער קלענערע —
פייגן — צוקער זיס.

אַנאַנאַסן און באַנאַנעס,
וואו מען וואַרפט אַ בליק,
אָף די ביימער שפּרינגען מאַלפּעס,
שפּרינגען הין און צ'ריק.

און אין צירקוס, ווי מיר אַלע,
דאַרפן זיי ניט גיין,
ווייל דעם דזשאָנגל מיט די חיות
האָבן זיי אַליין.

## אַ נעגערל

אין אַ גאָרטן ביי די בלומען
שטייט אַ אינגעלע פאַרטראַכט;
שטייט אַ אינגעלע אַ שוואַרצער —
אויגן שוואַרצע ווי די נאַכט.

אין די אומעטיקע אויגן,
אין די ווייסע פערל-ציין
ליגט באַהאַלטן דאָרט אַזוי פיל
צאַרטער, קינדערישער חן.

ליבט דאָס אינגעלע די בלומען
און די בלומען ליבן אים;
ווי אַ חברל אַ גלייכן,
שמייכלען זיי און גריסן אים.

און אַ ווינטעלע אַ קילער
שטיפט און וויספּערט אומעטום,
האַלזט און קושט דעם שוואַרצן אינגל,
האַלזט און קושט אויך יעדע בלום.

נאָר פאַראַנען קינדער ווייסע,
זיינען זיי אי שלעכט, אי דום, —
ווילן זיי מיט אים ניט שפּילן
און זיי קוקן אַף אים קרום.

און די אויסגעפּוצטע קינדער,
נאַרישע און שלעכט ביז גאָר,
לאַכן פון דעם נעגער-אינגל
מיט די קרייזלדיקע האָר.

וויינט דער אינגעלע דער שוואַרצער
אַף זיין מזל שוואַרץ ווי ער,
נאָר די בלימעלעך מיט ליבע
זאַפּן איין זיין יעדע טרער.

און באַנאַכט, ווען אַלע רועז,
פון די טרערן ווערן טוי,
אין פרימאָרגן ווי בריליאַנטן
פינקלען זיי דערפאַר אַזוי...



## טשינג-טשאַנג-טשו

טשינג-טשאַנג-טשו,
ווער ווייסט וואו?
זיינען די כינעזערלעך
מיט די קורצע נעזעלעך.

טשינג-טשאַנג-טשו,
ווער ווייסט וואו?
אינגלעך טראָגן קליידעלעך,
הויזן טראָגן מיידעלעך.

טשינג-טשאַנג-טשו,
ווער ווייסט וואו?
אַף געגאָלטע קעפּעלעך
באָמבלען לאַנגע צעפּעלעך.

טשינג-טשאַנג-טשו,
ווער ווייסט וואו?
שיינע מאַנדל אייגעלעך
בוקן זיך ווי פייגעלעך.

טשינג-טשאַנג-טשו,
ווער ווייסט וואו?

אַלטער׳ן אַ מתנה

# אין ליטע

איך געדענק דער באָבעס שטוב
מיטן קאַכל-אויוון.
קונציק פלעכט די באָבע אוים
זעמעלעך אַף הויוון.

ס׳וואַרפט דאָס פייער קופערנע
שאָטנס אַף די ווענט;
אַלע קינדער טומלענדיק
וואַרעמען די הענט.

ס׳שמעקט אין שטוב מיט גריבענעס,
לאַטקעס און מיט שמאַלץ;
אַזאַ ליבע וואַרעמקייט
נעמט אַרומעט אַלץ.

באַ דעם געלן סאַמאָוואַר
זיצן אַלע שפעט;
מע דערציילט זיך מעשה׳לעך,
מ׳שמועסט און מ׳רעדט.

און מיין מומע שושקעט זיך,
רויטלט זיך און לאַכט;
נייט עפעס אַף קאַנווע אוים,
האַנט-אַרבעט — אַ פראַכט.

און דער בלאַסער פעטער מיין
חלומט אַלץ און טראַכט;
גראָבט זיך אין די ביכער איין
ביז נאָך האַלבער נאַכט.

באָבע פליקט די פעדערן,
ווייסע קלאַרע פוך;
און מיין קעפל שלעפעריק
נויגט אַראָפ צום בוך.

# טייבעלע

נאָכדעם גייט דאָס פייער אויס,
ערגעץ וויינט דער ווינט,
און די באָבע טאָרעט מיך:
„שלאָפן גיי, מיין קינד!"

„דעק זיך צו היינט וואַרעמער, —
זאָגט זי האַרציק־פראָסט, —
גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען ,
ס'נעמט אַ גרויסער פראָסט".

## אין דעם לאַנד פון מילך און האָניג

אין דעם לאַנד פון מילך און האָניג,
הימלען לויטער בלוי,
און קיין שנייען, זאַווערוכעס
זיינען דאָרט ניטאָ.

באָקסער, ראָזשינקעס און מאַנדלען
עסן אַלע ציגן,
און העברעאיש רעדן דאָרטן
קינדער אין די וויגן.

אױף די קעמלען פירט מען משא
ווי אויף אייזנבאַנען,
שלעפן זיי זיך אין דער מדבר
גאַנצע קאַראַוואַנען.

קלינגען גלעקלעך אין דער נאַכט,
גלין-גלאָן-גלאָן,
און אַראַבער זינגען צו
פויל און מאָנאָטאָן.

און ווי הונגעריקע קינדער
די שאַקאַלן קלאָגן,
יאָמערן אַ גאַנצע נאַכט
ביז עס הויבט אָן טאָגן.

# אַ אינגעלע פון תימן

איך האָב געטראָפן אַף מיין וועג
אַ אינגעלע פון תימן,
פון קינדערלעך וואָס וואַנדערן,
פון קינדערלעך אָן היימען.

אַ קאַלטער גרויל גייט מיר אַדורך
נאָך עד היום אין האַרצן:
איך האָב אין אויגן קינדערשע
דערזען אַ תהום אַ שוואַרצן.

איך האָב אין אויגן קינדערשע
געזען שוין הונגער, צאָרן,
נאָר קיינמאָל ניט אַזוי פיל צער —
אַ צער פון טויזנט יאָרן.

עס האָט זיך מיר געדאַכט, איך זע
אַ קינד דורכאויס פון אויגן,
וואָס וואַנדערן אַף דינע פיס
אין שווערן יאָך געבויגן.

פאַרפאָלגן מיך די אויגן אַלץ,
אַוואו איך זאָל ניט פאָרן;
די אויגן קינדערשע — נאָר פול
מיט פיין פון טויזנט יאָרן.



IV

# דער באָבעס מעשה׳לעך

## מײַן באָבעלע

אַ באָבעלע, מײַן באָבעלע,
ווי טײַער זי איז מיר!
אין יעדן קנײטש פֿון איר געזיכט
איז ליבשאַפֿט אָן אַ שיעור.

דערציילט מײַן באָבע מעשה׳לעך,
וואָס הויבט זיך אָן: „אַמאָל",
מיט אומעט און מיט בײַנקעניש,
מיט ציטערניש אין קול.

חלומות האָבן אַלערלײ
געשימערט אַף איר וועג;
צערונען זײַנען זײ ווי שניי,
ווי אײז אין פֿרילינג-טעג.

ווי ס׳האָט דער האַר פֿון פֿרייד און צער
צעאַקערט איר געזיכט;
ווי האָפֿנונג האָט אַלע מאָל
זי אָפּגענאַרט, פֿאַרפֿירט.

אַ מיליאָן טעג, אַ מיליאָן נעכט
איז באָבעלע שוין אַלט,
און בלאָנדזשעט אַלץ אַזוי אַרום — —
אַ קינדעלע אין וואַלד.

# אַ ציגעלע אַ ווייסע

עס איז שוין דאָ אַ קימאַ-לן פון יאָרן, —
דערציילט אַזוי די באָבעלע, פאַרטראַכט, —
דער זיידע איז דורך וואַלד אַמאָל געפאָרן
אין אַ ליכטיקער, לבנהדיקער נאַכט.

געפינקלט האָבן פריילעכע די שטערן,
געסקריפּעט האָט דער בלישטשענדיקער שניי,
די פערדעלעך געלאָפן זיינען גערן —
געפילט נאָענט פון דער היים שוין האָבן זיי.

נאָר פּלוצים האָט זיך אָפּגעשטעלט דער שליטן,
די פערדלעך ווילן ווייטער מער ניט גיין,
אויפן וועג זעט דער זיידע אויפן מיטן
אַ ציגעלע אַ ווייסינקע דאָרט שטיין.

גענומען האָט ער ס׳ציגעלע אין וואָגן
און איינגעדעקט דאָס ציגעלע מיט היי,
די פערדלעך האָבן ווילד גענומען יאָגן
אין פינקלדיקן, סקריפּענדיקן שניי.

זיי יאָגן ווי ניט-גוטע אַלץ אַריבער,
זיי יאָגן אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג,
זיי יאָגן איבער בערג און איבער גריבער...
אַהיים איז אָבער ניט אַזוי דער וועג.

דער זיידע האָט זיך מורא אומצוקוקן
אין דער ליכטיקער, לבנה׳דיקער נאַכט,
אַ פרעסטל גייט אים איבער דורכ׳ן רוקן...
דאָס ציגעלע האָט פּלוצים זיך צעלאַכט.

צעלאַכט זיך אַזוי חוצפּה׳דיק אין קלאַנגען,
ווי אַ מענטש מיט אַ קוויטשענדיקן קול,
אַרויסגעשטעקט אַ צונג האָט עס אַ לאַנגען
און תיכּף ניט געוואָרן מיט אַמאָל.

קוים לעבעדיק אהיים איז ער דערפארן,
דאס געלעכטער האט אים נאכגעיאגט די נאכט,
ווי א טויב איז דער זיידע גרוי געווארן
יענע שרעקלעכע, לבנה'דיקע נאכט...

געקומען איז דער זיידע שוין אום שבת
און א קראנקער זיך אריינגעלייגט אין בעט.

***

דא ענדיקט זיך די מעשהלע דער באבעס;
פאר היינט וועט זיין גענוג — עס איז שוין שפעט.

# אַמאָל און אַמאָל

שלאָף, מיין מיידעלע, מיין קליינע,
שלאָף, מיין קינד, און הערט זיך צו:
מעשיות האָב איך זייער שיינע;
ליג נאָר שטיל און הער זיך צו —
איי-ליו-ליו-ליו-ליו!

אַמאָל און אַמאָל איז געווען אַ וואַלד,
אַ ווייסינקער וואַלד אין די פעלדער אַליין;
איז דאָרטן געשטאַנען אין פראָסטיקן וואַלד
אַ שטיבעלע אָרים, אַ שטיבעלע קליין.

און דאָרטן אין שטיבעלע האָט זיך געלעבט
אַ באָבעלע עלנט מיט ווייסינקע האָר;
אַ באָבעלע עלנט מיט ווייסינקע האָר
האָט זיך געלעבט דאָרט אַ יאָר נאָך אַ יאָר.

געווען איז באָבעלע אַלט, זייער אַלט,
געווען איז אין שטיבעלע קאַלט, זייער קאַלט;
און באָבעלע האָט נאָך קיין איינציקן מאָל
געהערט דאָס געזאַנג פון אַ קינדערשן קול.

נאָר פלוצים, גאָר פלוצים אַ פייגעלע פליט,
עס פליט דורכן פענסטער אין שטיבל אַריין;
פון טויזנטער זונען די גאָלדענע שיין
עס ברייננט אין דעם אָרימען שטיבל אַריין.

און ווי נאָר דאָס פייגעלע גיט דאָרט אַ שפרונג,
אַזוי ווערט די באָבעלע פריילעך און יונג;
עס הויבט איר אָן שטאַרקער צו קלאַפּן דאָס האַרץ,
די ווייסינקע האָר ווערן גלאַנציק און שוואַרץ.

און ווי נאָר דאָס פייגעלע האָט זיך צעלאַכט,
ווערט ליכטיקער טאָג אין אַ מיטן דער נאַכט;
דאָס ווייסינקע וועלדעלע פלוצים ווערט גרין,
דאָס פייגעלע שפרינגט זיך אַהער און אַהין.

דאָס פייגעלע גיט מיט דעם פליגל אַ מאַך:
און ס׳וואַקסן אויס קינדערלעך קליינע אַ סך,
מיט לאַכנדע אויגעלעך, בלויע און שוואַרץ,
זיי גנבענען זיך אין דער באָבעלעס האַרץ.

און באָבעלע נעמט זיי אַריין אין איר שאַל
און פירט זיי אַריין אין אַ ליכטיקן זאַל;
זי טיילט זיי אויס פייגן און מאַנדלען און ניס,
און קינדערלעך טאַנצן מיט באָרוועסע פיס.

דאָס שטיבעלע באָדט זיך אין רוישיקער פרייד
פון זאָרגלאָזע קינדערשע פריילעכע רייד;
ביז היינטיקן טאָג איז דאָס וועלדעלע גרין
און פייגעלע שפּרינגט זיך אַהער און אַהין.

שלאָף, מיין מיידעלע, מיין קליינע,
שלאָף, מיין קינד, און הערט זיך צו:
אַט דאָס פייגעלע דאָס קליינע
איז קיין אַנדערע ווי דו —
איי-ליו-ליו-ליו-ליו!




## דער ערשטער שניי

ווי פריילעך די שנייעלעך שיטן —
עס איז היינט דער ערשטער טאָג שניי;
עס יאָגן זיך קינדער אין שליטן
מיט פריילעכן טומל-געשריי.

נאָר שלוימקעלע גייט זיך ניט גליטשן,
ער האָט ניט קיין שיך און קיין ברויט;
ער האָט ניט קיין טאַטן, קיין מאַמען,
מיט באָבעלען לעבט ער אין נויט.

שטייט שלוימקע אַזוי ביי אַ פענצטער
און קוקט זיך ארוים אויף דער גאַס;
ער האָט נאָך היינט גאָרניט געגעסן,
זיין פנים איז אומעטיק, בלאַס.

ער איז זײ מקנא — די קינדער,
װי פרײלעך זײ שטיפן אין שנײ;
װען ער װאָלט עס האָבן אַ שליטן,
װאָלט ער זיך געשליטלט מיט זײ.

דערזעט ער גאַנץ נאָענט פון פענצטער
אַן אַלטיטשקער איד גײן פאַרבײ;
ער טראָגט אױף זײן פלײצע אַ פּעקל
און בײגט זיך פון משא אין דרײ.

האַלב־נאַקעט לױפט שלױמקע אין דרױסן
און יאָגט אַן דעם אַלטיטשקן איד;
„רב איד, איך װעל העלפן אײך טראָגן,
איר זעט אױס פאַרמאַטערט און מיד".

דער אַלטיטשקער קוקט אױפן אינגל,
זײן פּנים צעשטראַלט זיך פון פרײד;
ער גלעט אים און קושט אים אין שטערן,
און רעדט צו אים שטילינקערהײט:

„האָסט גוטע און ערלעכע אױגן,
זאָלסט שטענדיק אױך גוט זײן, מײן קינד",
שפּרײט אױס אַ פּאָר זילבערנע פליגל
און הױך, ערגעץ הױך ער פאַרשװינדט.

און שלױמקעלע שטײט אַ געפּלעפטער,
צעעפנט די אױגן און מױל;
ער קען זיך ניט גלױבן דעם װאונדער,
עס כאַפּט אים ארומעט אַ גרױל.

פון פּעקל װערט תיכּף אַ שליטן
מיט װײסינקע פערדעלעך צװײ,
און שלױמקעלע זיצט שױן אין מיטן
און יאָגט זיך אין פרײלעכן שנײ.

דער שליטן האָט פולינקע קאַסטנס
מיט קלײדער און עסן געהאַט,
צו שפּײזן אי שלױמקען, אי באָבען
דאָס גאַנצענע לעבן צו זאַט.




# גליק

טויט קראַנק איז געוואָרן
אַ קעניג אַמאָל:
דער טויט האָט געלויערט,
געהאַלטן האָט שמאָל.

אין פּאַלאַץ אַ טומל,
אַ יאָמער, אַ גוואַלד;
דאָקטוירים די גרעסטע
געבראַכט האָט מען באַלד.

נאָר ס'העלפט ניט קײן דאָקטאָר!
מען קען ניט פאַרשטײן,
וואָס ס'איז מיטן חולה,
מען קען ניט דערגײן.

מען טאַפּט אים דעם דופק,
די נעכט איז מען וואַך;
רפואות און באַנקעס —
עס העלפט ניט קײן זאַך.

דעם קעניג ווערט ערגער
און שוואַכער פון טאָג,
אין לאַנד איז אַן אומעט,
אין פּאַלאַץ אַ קלאָג.

נאָר אָט איז געקומען
אַ חכם פון ווײט,
אַ חכם אַ גרויער,
פון געטלעכע לײט.

קלערט ער, דער חכם,
דער געטלעכער מאַן...
„געזונט וועט ער ווערן
דער חולה נאָר דאַן,

ווען אײנשלאָפן וועט ער
אײן־אײנציקע נאַכט
אין העמד פון אַ גליקלעכן",
זאָגט ער פאַרטראַכט.

עס פליען שלוחים
אין נאָענט, אין פרעמד
דעם גליקלעכן זוכן
און ברענגען זײן העמד.

פאַרציט זיך דערווײַלע
אַ שעה נאָך אַ שעה,
קיין גליקלעכער מענטש
איז אין ערגעץ ניטאָ.

בא איינעם פעלט פערל,
בא איינעם פעלט ברויט,
און איינעם האָט גרויזאַם
פאַראומגליקט דער טויט.

די רייטער פאַרצווייפלטע
רייטן צוריק:
ניטאָ איז אין ערגעץ
קיין אמת'ער גליק!

נאָר פלוצלינג פון ווייטן
עס הערט זיך אַ קלאַנג:
אַ פריילעך געלעכטער,
אַ לוסטיק געזאַנג.

זיי פאָרן צו נעענטער
און גלויבן זיך קוים:
אַן אָרימער בעטלער
זינגט אונטער אַ בוים.

— „גוט מאָרגן, גוט מאָרגן,
מיין טייערער פריינט;
דו ביזט אַזוי פריילעך
און גוטמוטיק היינט".

— „נו יאָ, ליבע הערן,
גאָטס וועלטל איז פיין;
פאַרוואָס זאָל איך פריילעך
און לוסטיק ניט זיין?

„ווי בלוי איז דער הימל,
ווי פריילעך דאָס פעלד;
ווי גוט איז צו לעבן,
צו זיין אויף דער וועלט!"

דערפרייט זיך דער עלטסטער
און נעמט אים ארום,
און זאָגט אים: „מיין ליבער,
דיך זוך איך אַרום.

„איך האָב דיר דוקאַטן
און זילבער געבראכט,
נאָר באָרג מיר דיין העמד אוים
אויף היינטיקער נאַכט".

צעלאַכט זיך דער בעטלער,
אַזוי ווי אַ קינד,
און זאָגט: „איך בין נאַקעט,
אַזוי ווי דער ווינט.

„איך וואָלט דיר געגעבן —
איך שווער ביי מיין ווייב —
נאָר גלויב מיר, איך האָב ניט
קיין העמד אַף מיין לייב".

# דאָס אינגל און די קאַץ

קומט אהער, איר קליינוואַרג,
זעצט זיך אַרום מיר;
שאַ, און שטיל, און רואיק —
גיט זיך ניט קיין ריר.

וועל איך אייך דערציילן,
וואָס עס איז געשען,
וואָס איך האָבן אַנומלט
אויפן גאַס געזען.

אין אַ טאָג אַ קאַלטן,
רעגנדיק און נאַס,
ווען מען זעט אַפילו
ניט קיין הונט אין גאַס.

שטייט אַ נאַסע קעצל,
ציטערט בא דער טיר;
מיט די אויגן בעט זי:
— קינדער, עפנט מיר!

גייט אַרוים אַ אינגל,
שטייט אַזוי און שטייט...
און דאָס קליינע קעצל
האָט זיך שוין דערפרייט...

נאָר דאָס אינגל גיט איר
מיט זיין פוס אַ זעץ:
„אָט אַזוי אַ דאַרף מען
בריקען אַלע קעץ!"

פאַלט זי אום פאַרבלוטיקט
און די אויגן שטום
פרעגן, ריידן, מאָנען:
— רשע, זאָג וואָרום!

נאָר דאָס אינגל רואיק
שטייט אַזוי און לאַכט,
קוקט איר אין די אויגן,
שפּאָט פון איר און לאַכט.

אירע אויגן צינדן
פייערן אַ פּאָר...
און עס שטעלט זיך דיבאַב
בא דער קאַץ די האָר.

מיט די שאַרפע נעגל
גיט זי אים אַ קראַץ —
און פון שיינעם אינגל
ווערט אַ מיאוסע קאַץ!

וואָגלט אום דאָס אינגל,
פונקט ווי אַלע קעץ,
און פון שלעכטע קינדער
קריגט ער אָפּט אַ זעץ...

## מען זאָגט . . .

ווען עס יאָמערט דער ווינט
און עס בילן די הינט,
לבנה באַהאַלט זיך ביז שפּעט.

איז אַ סימן: דער טויט
האָט זי שטילינקערהייט
פאַר׳גנב׳עט ביי אימיצנס בעט.



## דער אַלטער שלמה

ס׳איז אַ צער אױף שלמהן
ווען עס פּייפט אין קוימען,
מיינט ער אַז די שדים
טאַנצן אױפן בוידעם.
שלמה איז אַ בלינדער,
שלמה האָט קיין קינדער,
שלמה לעבט אַליין,
עלנט ווי אַ שטיין.
איז אַ צער אױף שלמהן,
ווען עס פּייפט אין קוימען...

# שוועסטערלעך

אין מיטן אַ וועג, אַף אַ נאַקעטן פעלד,
דאָרט וויגן זיך ווערבעס אַ פּאָר;
זיי שושקען זיך איינע די צווייטע אריין
די סודות פון צענדליקער יאָר.

אין פרילינג צעבליען זיך ביידע מיט פרייד,
און פלעכטן צוזאַמען זיך איין;
און ווינטער אין שטורם, אין ביטערער קעלט,
זיי בויגן זיך ביידע פון פיין.

זיי פלעכטן צוזאַמען די צווייגן ווי הענט,
און האַלטן זיך שטענדיק געטריי;
אַזוי ווי אין ווינטער, אין פראָסט און אין שניי,
אַזוי אויך אין ליכטיקן מאַי.

דערציילט מען: אַמאָל האָבן שוועסטערלעך צוויי
געבלאָנדזשעט פיל נעכט און פיל טעג;
ביז זיי זיינען ביידע געפאַלן אָט דאָ,
אין פעלד, אַף דעם איינזאַמען וועג.

דאַן האָבן די שוועסטערלעך ביטער געוויינט,
געבעטן מיט טרערן אין קול:
אַז וואָס פאַר אַן אומגליק עס זאָל ניט געשען,
צעשיידן מען זאָל זיי קיינמאָל.

איז תיכף געוואָרן אַ שטורם, אַ ווינט,
עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי:
אַז פון די פאַרבלאָנדזשעטע שוועסטערלעך גלייך
זאָל ווערן דאָ ביימעלעך צוויי.

די ביימעלעך בליען פון יענעם טאָג אָן,
און וואַקסן אין לענג און אין ברייט;
זיי זיינען צעפרידן, די שוועסטערלעך צוויי,
זיי לעבן, זיי זיינען ניט טויט.

און זומער פֿאַרנאַכט, ווען זיי שטייען פֿאַרטראַכט,
קומט פֿריילעך אַ וואַרימער ווינט;
ער קושט זיי און גלעט יעדן צווייג, יעדן בלאַט,
אַזוי ווי אַ מאַמע איר קינד.

און פֿייגעלעך קומען זיך בויען אַ נעסט,
זיי זינגען אַ פֿריילעכעם ליד;
און וואַנדערער קומען און רוען זיך אָפּ
אין שאָטן, ווען זיי זיינען מיד.

פֿיל זוניקע טעג און פֿיל זוניקע נעכט
די שוועסטערלעך זאַפּן זיך איין;
אַזוי גייען צענדליקער יאָרן אַוועק,
און צענדליקע וועלן נאָך זיין.



נ. קאַזלאָווסקי

## טייבעלעך

איך האָב אַמאָל פאַרטראַכט זיך גלאַט אַזוי,
ארויפגעקוקט צום הימלדיקן בלוי;
עס האָבן דאָרטן טייבעלעך ווי שניי
געפלאַטערט אין אַ רינג און אין אַ ריי.

איין טייבעלע האָט איילנדיק זיך שנעל
אַראָפּגעלאָזט זיך פּלוצים אַף מיין שוועל,
אַ פּיק געטאָן נאָר ברעקעלעך אַ פּאָר,
אַ פלאַטער מיט די פליגעלעך, דאָס גאָר.

נאָר פּונקט ווי אין אַ חלום טרעפט אַמאָל,
די פרייד האָט זיך צעזונגען אַפן קול,
די זון האָט זיך צעלויכטן אַף מיין דיל
מיט שטראַלן, ווי בריליאַנטן פול און פיל.

פאַרגאַפּט בין איך געבליבן אַף מיין אָרט,
געשראָקן זיך ארויסברענגען אַ וואָרט;
געשמייכלט, נאָר מיט טרערן אין מיין בליק,
פאַר מורא ניט צו איבערשרעקן גליק.

נאָר גליק מוז זיין אַ שרעקעדיקע זאַך —
אַ פלאַטער מיט די פליגעלעך, אַ מאַך —
דאָס טייבל פליט שוין ווידער אין דער הויך.
צערונען ווערט דאָס גליק אַזוי ווי רויך.

די זון האָט זיך פאַרלאָשן אויף מיין דיל,
די פרייד ליגט אַ פאַרחלשטע איצט שטיל,
דאָס טייבעלע מוז שוועבן ערגעץ וואו,
נאָר איך האָב שוין פון דעמאָלט אָן קיין רו.

# פרילינג

הערט, קינדערלעך ליבע,
אי גרויסע, אי קליינע;
איר ווילט דאָך אוואדע
אַ מעשה אַ שיינע.

טאָ הערט, ליבע קינדער,
וואָס ס׳האָט זיך פאַרלאָפן,
וואָס ס׳האָט מיט די מעשות
מיט מיינע געטראָפן:

איר ווייסט דאָך, כ׳האָב מעשות
געהאַט אָן אַ שיעור;
איז פלוצים געקומען
דער פרילינג צו מיר.

ער זאָגט, ער האָט קינדער
פון דרום געבראכט,
וואָס ווילן ניט שלאָפן
אין פרילינג באַנאַכט.

אין פרילינג פאַרביינקט זיך
אַפילו דער ווינט,
צעוויינט זיך באַנאַכט
ווי אַ פיצעלע קינד.

נו, דאַרף מען די ווינטן
אַ מעשה דערציילן —
און עטלעכע וויל ער
די בלומען צעטיילן.

דער וואלד, זאָגט ער, וויל אויך
אַ מעשהלע הערן;
ער וויל עס דערציילן
די יונגינקע בערן.

אזוי האָט דער פרילינג
געבעטן מיט טרערן,
ביז איך האָב די מעשות
געגעבן אים גערן.

האָט פרילינג זיי אַלע
בא מיר צוגענומען.
פאַר פייגלען, פאַר בערן,
פאַר ווינטן און בלומען.

האָט פריילעך געדאַנקט מיר,
געקושט און אַנטלאָפן;
דאָס האָט מיט די מעשהלעך
מיינע געטראָפן.

און איצט, ליבע קינדער,
גייט שפּילט מיט די בלומען,
און וואַרט ביז דער ווינטער,
דער קאַלטער, וועט קומען.

די נעכט זיינען לאַנגע,
און צייט איז פאַראַן, —
וועל איך אייך דערציילן
פיל מעשהלעך דאַן.

באַם פריילעכן פייער,
אין פראָסטיקע נעכט,
וועל איך אייך דערציילן
פון גוט און פון שלעכט.

פון מוטיקע העלדן,
פון לענדער פון פרייע —
איך וועל אייך דערציילן
דאַן מעשהלעך נייע.

V

# אַליע ליו ליו

## אַייליע ליו-ליו

איך וועל דיר זינגען
אַ לידל, אַ צאַרטע,
אַ לידעלע אייליע ליו-ליו.

אַ לידל אָן ווערטער,
אַ פריידיק געלעכטער;
אַ לידעלע אַייליע ליו-ליו.

געפילן און קלאַנגען,
און הייסע פאַרלאַנגען,
וואָס קענען ניט קריגן קיין רו.

אָפּרוען וועלן זיי,
קינדעלע מיינינקע,
אין אָט אָ דעם אייליע ליו-ליו.

בלימעלעך און פּערעלעך
האָב איך אויפגעקליבן
פאַר מײַן קלײנעם קינדעלע
לידעלעך געשריבן.

ווײַל איך וויל אַז קינדעלע
זאָל צופרידן זײַן,
ליולינקע, מײַן קינדעלע,
ליולינקע, שלאָף אײַן.

מאָרגן וועל איך לאָזן זיך
יאָגן נאָכן ווינט
נײַע שײנע וואונדערלעך
זוכן פאַר מײַן קינד.

ווײַל איך וויל אַז קינדעלע
זאָל צופרידן זײַן;
ליולינקע, מײַן קינדעלע,
ליולינקע, שלאָף אײַן.

וואָלט פון הרי חושך וואָס
קינדעלע פאַרטראַכט,
וואָלט איך אין אַ רגעלע
תיכּף דאָס געבראַכט.

ווײַל איך וויל אַז קינדעלע
זאָל צופרידן זײַן;
ליולינקע, מײַן קינדעלע,
ליולינקע, שלאָף אײַן.

וואָס האָט באַ מיר פּאַר אַ ווערט,<br>
מיין איין איינציק לעבן?<br>
כ'וואָלט אַפילו צען געהאַט,<br>
וואָלט איך אָפּגעגעבן.

נאָר מיין קליינע קינדעלע<br>
זאָל צופרידן זיין;<br>
ליולינקע, מיין קינדעלע,<br>
ליולינקע, שלאָף איין!...

ווען מיך טרעפט דיין קינדערש בליק,
ציטערט אַלץ אין מיר פון גליק.
שמייכלט דאַן די גאַנצע וועלט,
אַלעם זינגט און אַלעם קוועלט.

פּלוצים שווינדט די פרייד אַוועק,
און עס גנבעט זיך אַ שרעק
אין דער מאַמעס האַרץ אריין,
און עס מישט זיך שרעק מיט פּיין.

עפּעס ווערט מיר מאָדנע שווער,
און עס קייקלט זיך אַ טרער:
ס׳זאָל חלילה ס׳מזל דיין
וויסט און שווער ווי מיינער זיין.

ווען עס מישט זיך שרעק און פרייד,
טו איך תפילה שטילערהייט...
„גאָט אַליין זאָל היטן דיר
פון אַ מזל ווי בא מיר".



# סילוועז

סילווע, זיסע מיידעלע!
כ'זאָל שיקן דיר אַ קליידעלע, —
האָסטו שוין אַ סאַך.

זאָל איך שיקן קיכעלעך,
זעקעלעך צי שיכעלעך, —
האָסטו יעדע זאַך.

שיק איך דיר אַ לידעלע,
כאָטש איך ווייס, מיין מיידעלע,
לעזן וועסט עס ניט.

ס'וועט דיר זיין אַ חידוש נאָר,
וואָס איך שרייב אין אידיש גאָר,
אָבער ליד בלייבט ליד.

שפּראַך איז ווי אַ וויגעלע,
ווי אַ שיינעם קריגעלע, —
נאָר מיין ליד איז וויין.

זינג איך דיר אַ לידעלע
פון אַ ווייסער ציגעלע.
סילווע, הער זיך איין!

## קינדער

קינדער, מיינע קינדערלעך,
ווייסינקע, און געל און שווארץ —
אַלע פרייט איר מיר מיין האַרץ.
כ׳קלייב פון יעדן לאַנד אייך אויף,
פלעכט אַ שיינעם קראַנץ צענויף
און אַליין ווער איך אַ קינד,
פריי און לוסטיק ווי דער ווינט.

קינדער, מיינע קינדערלעך,
אויסגעפילט בין איך מיט אייך,
ווי מיט וואַסערן דער טייך,
ווי אַ בלום איז פול מיט דופט,
ווי דער אָטעם איז מיט לופט.

קינדער, מיינע קינדערלעך,
נעמט אַ פאַרמעט און אַ רוט,
טונקט עס אין מיין האַרץ און בלוט,
לאָזט ער פלאַטערן אין זון —
וועט זיין אַ מעשהלע דערפון.
לאָזט עס פליען מיטן ווינט,
וועט זיין אַ ליד פאַר יעדעם קינד.

## ס׳עופּעלע

קוקט אוים אַ נעבאכל, אַ תּם,
האָט אָנגעמאַכט אַ טאַרעראַם;
ס׳איז פול מיט אים דאָס גאַנצע הויז,
און וואָס ער וויל דאָס פירט ער אוים.

אויב ניט מאַכט ער אַזאַ געוואַלד,
די מאַמע ווערט אַ טויטע באַלד;
אוּ־אַ, אוּ־אַ — אין איין געשריי,
זי מיינט אַז עפּעס טוט אים וויי.

ער וויינט, דער זשוליק, יעדן מאָל,
ווען ער דערהערט נאָר מאַמעס קול;
אַף מאַמעס הענט איז וואָס ער וויל
און ווי זי נעמט אים ווערט ער שטיל.

# לייבעלע

עפּעם וואָלקנט זיך דיין שטערן,
און עס פינקלען דאַכט זיך טרערן;
וואָס איז, לייבעלע, זאָג —
קריגסט עס היינט פאַרטאָג!

אפשר ווילסטו קיכלעך נאַשן?
היים איך באַקן המן טאַשן!
זאָג נאָר, לייבעלע, זאָג!
קריגסט עס היינט פאַרטאָג!

אפשר ווילסטו טאַנצן, שפּרינגען?
היים איך אַלע פייגלעך זינגען!
זאָג נאָר, לייבעלע, זאָג —
קריגסט עס היינט פאַרטאָג!

בייַנקסטו גאָר נאָך לענדער ווייטע?
שטייען מיינע שיפן גרייטע!
זאָג נאָר, לייבעלע, זאָג —
קריגסט עס היינט פאַרטאָג!

אפשר ווילסטו מאַרצעפּאַנען?
דאָס איז אויך בא מיר פאַראַנען!
זאָג נאָר, לייבעלע, זאָג —
קריגסט עס היינט פאַרטאָג!

און דאָס טעלערל פון הימל
קריג איך ווי פון פעלד אַ בלימל!
זאָג נאָר, לייבעלע, זאָג —
קריגסט עס היינט פאַרטאָג!

וואָס זשע וואָלקנט זיך דיין שטערן?
וואָס זשע פינקלען בא דיר טרערן?
זאָג מיר, לייבעלע, זאָג —
קריגסט עס היינט פאַרטאָג!

## אַזאַ ברעקל

אַזאַ ברעקל קליינטשיק מיידל,
און עס ברענגט אַזויפיל גליקן!
ליכטיקייט אין מאַמעס פּנים,
צערטלעכקייט אין טאַטנס בליקן.

ווי אַ בינטל זונענשטראַלן
שפּילט אין וויג זיך יענטל;
גיט אַ הויב אַ ראָזיק פיסל,
שטעקט ארויס אַ פוכקע הענטל.

ווען עס קריגט אַ זויער פּנים
און עס הויבט אָן ליפּלעך מאַכן,
גיט מען עס אַ לייכטן קיצל —
הויבט עס ווידער אָן צו לאַכן.

און מע זינגט עס שיינע לידלעך
מיט אַ שטילן מאַמע ניגון,
ביז דאָס קליינע ליבע מיידל
שלאָפט זיך איין פון פאַרגעניגן.

## קאַראַפּוזיק

דוד׳ל, מיין דוד׳ל, מיט אויגן
שוואַרץ און גרויס
שמייכלסטו צו אַלעמען, און קריכסט אַף
יעדנס שויס.

דוד׳ל, מיין דוד׳ל, מאַכסט יעדן
טויב און דול;
מיט דיין קורצן נעזעלע אומעטום
ביזט פול.

דוד׳ל, מיין דוד׳ל, אַי ביזטו
ליב און זיס!
אַהערצו קום, דו נאַשערל, נאַ דיר
טאָרט און ניס.

דוד׳ל, מיין דוד׳ל! דו פלאַפּלסט
אָן אַ שיעור;
ליבער קאַראַפּוזיקל, מיר זאָל
זיין פאַר דיר.



## זומער

ס׳איז גוט צו שפּאַצירן!
די ווינטלעך זיי פירן
אין ברייטן, אין זוניקן פעלד;
עס קומט מיר אַנטקעגן
פון דאָרפישע וועגן
אַ ליכטיקע, פריילעכע וועלט.

עס וויגן זיך זאַנגען,
ווי גאָלדענע שלאַנגען,
זיי בויגן די קעפּלעך צו דר׳ערד;
דאָרט שטייען און ליגן
און פּאַשען זיך ציגן
און זאַטע בהמות און פערד.

און בלויאינקע קראשקעס
מיט געלע ראָמאַשקעס,
זיי ווינקען און לאַכן אין גראָז;
אין מיטן דעריינען
איז פּלוצים דערשינען
אַ ווייסער צעשראָקענער האָז.

# טייבעלע

א בוים פול מיט בארן,
מיט זאפטיקע בארן,
שטייט דאָרט ביי אַ פלויט אָן אַ זייט;
ער שטייט זיך באזונדער,
אַ פולער, אַ רונדער,
און שטאָלץ ווי אַ פרוי אַף דער צייט.

איך גים זיך צוזאמען,
ווי פונקען אין פלאמען,
מיט זון און מיט פעלד און מיט טרוים;
כ׳בין פול מיט געזאנגען,
ווי צייטיקע זאנגען,
ווי זאפטיקע בארן און בוים.

## זייפנבלאָזן

זייפנבלאָזן — וועלטן שיינע,
פרייען זיך די קינדער קליינע;
וועבן זיך אין לופטן שלעסער
איינע פון די צווייטע גרעסער.

שענער פון דעם רעגנבויגן
צינדן זיך די קינדערס אויגן;
ווילן זיי די וועלטן כאַפּן,
מיט די הענטלעך אָנצוטאַפּן.

נאָר איין ריר — ווערט גלייך אַ תּל
פון די שלעסער ראָזיק העל,
און עס בלייבט אַ פלעק, ניט מער
ווי אַ קינדערישע טרער.

## דאָס קינד

גוט איז דיר, מיין קינד!
אַלעס איז דיר ניי;
זאָרגלאָז ווי דער ווינט,
ווי דער פויגל פריי.

הונגעריק דיין בליק,
אַלעס ווילסטו זען,
רק דו ווערסט אַנטציקט —
אַלץ איז וואונדער־שיין.

וואונדערסט זיך אַזוי:
קוימענס לאָזן רויך,
ווינטער פאַלט אַ שניי,
פייגל פליען הויך.

וואונדערסט זיך אַזוי,
אַז דער שניי איז ווייס;
איינס און איינס איז צוויי,
איז בא דיר אַ נייס.

דיין געלעכטער קלינגט
פול מיט העלער פרייד;
אַלעס אין דיר זינגט
שוויגענדיקערהייד.

## אַ מיידעלע

אַ מיידעלע אַ קליינינקע
מיט גרויסע, בלויע אויגן;
איר פנימל דער זיסינקער
מיט טרויער איז פאַרצויגן.

איר הינטעלע דער ליבינקער
איז פּלוצים גאָר אַנטלאָפן;
זי וויינט, זי בײַנקט, די קליינינקע,
זי וויל ניט עסן און ניט שלאָפן.

די מאַמע פּרואווט זיך טרייסטן איר
מיט צאַצקעלעך, מיט שפּילן;
דאָס קינד איז אָבער אויפגערעגט,
מען קען עס ניט פאַרשפּילן.

„דײַן הינטעלע אַ שלעכטער איז,
ניט וויין, מײַן קינד, ניט וויין;
ווען ער זאָל ליבן דיך, ווי דו,
וואָלט ער ניט לאָזן דיך אַליין".

אַ ווײַלע בלײַבט דאָס קינד פאַרטראַכט
מיט אויגן — פולע טרערן,
און כליפּענדיק, רעדט זי אַרויס,
קוים, קוים וואָס מען קען הערן:

„איך ווייס דאָס אַלעס, מאַמעשי,
איך ליב אים ווי מײַן לעבן!
הלואי נאָר קומט ער שוין,
איך וואָלט אים אַלץ פאַרגעבן!"

דער מאַמעס פּנים רויטלט זיך,
זי שעפּטשעט: טאָכטער מײַנע!
דו בייזט דאָך ריכטיק טראָפּנס צוויי
פּונקט ווי די מאַמע דײַנע...

## איך וויים אַזאַ וועג

קומט, קינדערלעך ליבע,
איך וויים אַזאַ וועג,
וואָס פירט צו אַ שיינעם
און זוניקן ברעג.

אַריבער די בערג, און אַריבער דעם טאָל,
דאָרט שימערן שלעסער פון גאָלד און קרישטאָל.
דאָרט שיינען די זונען באַטאָג און באַנאַכט,
און גאָט האָט האָט אַליין דאָרט פּאַלאַצן געמאַכט.
פאַר קינדער און טרוימער ליגט אָפן דער וועג,
וואָס פירט צו דעם זוניקן, ליכטיקן ברעג.
פאַר אייך, ליבע קינדער, עס ליגט דאָרט געגרייט
די שיינקייט פון אוצרות, אַף מיילן צעשפּרייט.
אַ שיינקייט וואָס זעטיקט, אַ שיינקייט וואָס בלענדט,
אַ שיינקייט—כאַטש נעם און דערלאַנג מיט די הענט.
דאָרט לויכטן די אויגן מיט הייליקן פלאַם,
דאָרט פילט מען זיך פריי ווי די כוואַליעס אין ים.
דאָרט הויבט מען זיך אויף מיט די אָדלערס צוגלייך,
דאָרט שפּיגלט זיך אַלץ, ווי אַ זילבערנער טייך.
קומט, קינדערלעך ליבע, פאַרלירט ניט קיין צייט,
קומט, לאָמיר זיך שיפן צום גאָלדענעם ווייט.

קומט, קינדערלעך ליבע,
איך וויים אָט דעם וועג,
וואָס פירט צו דעם שיינעם
און זוניקן ברעג.



## סוף זומער

פול די לופט מיט בענקעניש
און מיט זיסן קומער;
אין דער לופטן צאַפּלט זיך
שוין דער סוף פון זומער.

ליגן אויסגעשפּרייט די בערג,
עלנטע, פאַרשעמטע,
שפּיצן ביימער רויטלען זיך,
רעגן זיך צעקלעמטע.

וואו ס'איז נאָר אַביסעלע
זומער נאָך פאַרבליבן,
האָבן עס די קינדערלעך
פריילעך אויפגעקליבן.

שטיפעריש באַהאַלטן עס
אין די קלאָרע אויגן;
מיט געזאַנגען האָבן זיי
אין שטאָט ארויסגעצויגן.

פירן מאַמעס קינדערלעך
פון דער זון פאַרברוינטע,
מיט קאַלירטע בלימעלעך
קעפּעלעך באַקרוינטע.

פולע קוישן יאַגעדעס
האָבן זיי פאַרנומען;
שמעקן זיס די יאַגעדעס,
קינדערלעך און בלומען.

איך וואָלט ווען עפּעס וואָס
שײנקען דיר אַזױנס,
ס'זאָל דערפֿרײען דיך אַמאָל, —
קינדעלע, דו קלײנס.

בין איך אָבער שוואַך און מיד,
אָרים אויך און קראַנק;
חוץ מײן ליבע — הײס און טרײ
האָב איך קײן געשאַנק.

נעם זשע, קינד, מײן ליבע מיט
איבער אַלע װעגן,
װעט די פֿרײד, די װײַסע פֿרײד,
קומען דיר אַנטקעגן.

VI

# אַ גוטע נאַכט



## אַ גוטע נאַכט!

אַ גוטע נאַכט אייך, פייגעלעך,
אַ דאַנק אייך פאַרן זינגען,
ווייל אייער וואונדערלעך געזאַנג
אין חלום וועט מיר קלינגען.

אַ גוטע נאַכט, מיין טייכעלע,
דו זאָלסט ניט לויפן, יאָגן:
די נאַכט קען זיין אַ פינצטערע —
דו וועסט זיך נאָך צעשלאָגן.

אַ גוטע נאַכט, און שלאָפט געזונט,
איר ליבע, זיסע בלומען;
אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט!
כ'וועל מאָרגן ווידער קומען.

## דער מלאך פון שלאָף

מען זעט אים ניט, מען הערט אים ניט,
ער גנבעט זיך מיט שטילע טריט;
ער קומט פון ערגעץ זייער הויך
מיט פליגעלעך ווי סאַמעט ווייך.

עס פאַלן מיד אַראָפּ די הענט,
עס בוקן זיך צום דיל די ווענט;
די מענטשן ווערן לאַנג און שמאָל,
און ערגעץ ווייט עס זינגט אַ קול.

עס מאַכן אויגעלעך זיך צו,
מען שלומערט איין אין זיסער רו;
און מאַמעס שמייכלען, זינגען צו:
אַליע-ליו-לינקע ליו-ליו.

## באַנאַכט

עס האָט זיך מיר געדאַכט באַנאַכט,
אַז עמיץ שטייט ביים בעט:
דאָס האָט אַ וואָרים ווינטעלע
געקושט מיך און געגלעט.

עס האָט זיך מיר געדאַכט באַנאַכט,
אַ גרויסער פייער ברענט:
דאָס האָט לבנה זיך צעשפּילט
אין צימער אויף די ווענט.

עס האָט זיך מיר געדאַכט באַנאַכט,
אַז רויבער קומען פיל:
דאָס האָבן זיך די ביימעלעך
געשושקעט אין דער שטיל.

און קוואַ קוואַ, קוואַ קוואַ
געקוואַקעט אַלע גלייך,
די גרילן און די זשוקעלעך
און זשאַבקעלעך באַם טייך.

## פייער פליגעלעך

פייער פליגעלעך אַ פּראַכט,
אָנגעצונדן אין דער נאַכט,
פינקלען אַלע מיט אַ מאָל
אויפן גרינעם באַרג און טאָל.

זיי פינקלען, רייצן נאָכאַנאַנד,
כאַטש נעם דערלאַנג זיי מיט דער האַנד.
זיי פינקלען דאָרט, זיי פינקלען דאָ,
אָט זיינען זיי — און שוין ניטאָ!

זיי צינדן, פינקלען נאָכאַנאַנד,
מיר דוכט, איך בין אין חלום-לאַנד;
און ווי דער האָן גיט נאָר אַ קריי,
אין ערגעץ ווייט פאַרשווינדן זיי...

## די מאַמע רופֿט

די זון פֿאַרנייגט, די מאַמע רופֿט —
די מאַמע רופֿט מיך שלאָפֿן;
איך וואָלט געקענט אַ גאַנצע נאַכט
די אויגן האַלטן אָפֿן.

עס איז דאָ שטיל אַזוי און גוט —
איך וואָלט דאָ בלייבן גערן;
און טראַכטן זיך, און חלומען,
און קוקן אױף די שטערן.

נאָר מאַמע רופֿט, און איך מוז גיין —
עס ווערט שוין קיל און שפּעט;
עס וואַרט אױף מיר דער מאַמעס קוש,
און ס׳אויסגעבעטע בעט.

## אַ נאַכט אַזאַ

װאָס לאַסטשעט און פּלאַטערט און פּליסטערט
די מיסטישע מאַיאיקע נאַכט?
װאָס פאַר אַ מעשהלעך װעבט זי
אין שװײַגנדער רײַצנדער פּראַכט?

דער הימל, אַט פינסטער, אַט ליכטיק,
קאַפּריזנע װי אַ לײדנדעס קינד,
רחמנותדיק טוליעט די נאַכט זיך
אין שױם פון דעם װאַרימען װינט.

עס פילט זיך אַרום אַזאַ ליבשאַפט,
אַ רײַצנדער שטומער געזאַנג,
אָן אומעט אַ זיסער באַקאַנטער,
עס רעגט און עס טוט עפּעס באַנג.

פון װײַט ערגיץ האָט זיך פאַרטראָגן
אַ קורצער צעבראָכענער קלאַנג;
אין ערגיץ אַ סטרונע געפּלאַצט האָט?
פאַרשטאָרבן איז װאו אַ געזאַנג?

## עס טרעפט אַמאָל . . .

עס טרעפט אַמאָל אַזאַ פאַרנאַכט,
דער הימל רויטלט זיך פאַרטראַכט,
פאַרחלומט טוליעט זיך דער פאַרק
און רואיק דרעמלט איין דער מאַרק.

און וואו דו גייסט איז שאַ און שטיל,
פון וויטן הערט זיך נאָר אַ גריל;
פון וויט, גאָר וויט, עס בילן הינט,
און ערגעץ וויינט אַ פיצל קינד.

די גאַנצע וועלט איז צאַרט און ווייך,
איז ווי אַ קינפעטאָרין בלייך,
און יעדער בוים און יעדער שטיין
איז סודעסדיק און מלא חן.

# שלאָף

וועז איך קאָן ניט שלאָפן,
ליג איך מיר אין טראַכט:
וואו איז שלאָף אַנטלאָפן
אָף אַ גאַנצע נאַכט?

וויל איך גיין אים יאָגן,
ווייס איך ניט אַוואו;
ביז עס הויבט־אָן טאָגן
האָב איך ניט קיין רו.

קומען מיר אַנטקעגן
ווייסע, קליינע שאָף;
הויב איך אָן זיי פרעגן,
וואו איז איצט דער שלאָף?

דאָרט באַם ברעג פון הימל,
זאָגן זיי, ביים פלויט,
ליגט דער שלאָף אין דרימל
אָף אַ זילבער קויט.

„קום מיט אונז שפּאַצירן",
בעטן מיך די שאָף,
„וועלן מיר דיך פירן
אין דעם לאַנד פון שלאָף".

שעפסן ליבע, קליינע,
שטעלן זיך אין ריי;
צייל איך יעדער איינע,
איינס און צוויי און דריי.

ביז איך ווער פאַרטומלט,
שלעפעריק און מיד,
ביז איך ווער אַנדרעמלט...
מער געדענק איך ניט.

## אַ ווינטער נאַכט

אין דרויסן אַ שניי און אַ ווינט,
אין שטיבעלע אַ פאַרגעניגן;
די קינדער זיי שפּילן אין שאַך,
דער טאַטע ברומט אונטער אַ ניגון.

די באָבע אָן אויפהער דערציילט
דאָרט מעשהלעך איינע נאָך איינע:
פון פּרינצן, פון אָרים, פון רייך,
פון וועלטן פאַרכישופטע, שיינע.

און טייבעלע, קוים וואָס זי זיצט,
זי קעמפט מיטן גזלן, דעם שלאָף;
עס ווילט זיך באַטראַכטן די שפּיל,
פון מעשהלעך הערן דעם סוף.

די אייגעלעך קלעפּן זיך צו,
זי מאַטערט זיך האַלטן זיי אָפן
און דרייט מיטן קעפּעלע: — ניין!
איך־ווי־ניט, איך־ווי נאָך ניט שלאָפן.

די מאַמע קוקט ליבלעך איר אָן,
און לייגט זי אין בעטעלע שלאָפן,
און לאַכנדיק קרימט זי איר נאָך:
איך־ווי־ניט, איך־ווי נאָך ניט שלאָפן.

# ארום איז שטיל

ארום איז שטיל,
עס זינגט די רו;
לבנה שוועבט
און הערט זיך צו.

די בערג אין סודות
טוליען זיך,
און שטערן פינקלען,
מיניען זיך.

אַ בענקעניש
דעקט אַלעם צו —
די בערג, די שטילקייט
און די רו.

עס דוכט זיך מיר:
איך בין אַליין
אַ שטערן צאַנקענדיק
און קליין,

וואָס מיניעט, ציטערט
אין דער ווייט,
אין דער בלויער
אייביקייט.

## ווער?

ווער האָט אויפגעוועקט מיין קינד?
פרעגט די מאַמע ביי דעם ווינט.
ניט איך, — זאָגט דער ווינט, —
אפשר גאָר די בייזע הינט.

ווער האָט אויפגעוועקט מיין קינד?
פרעגט די מאַמע ביי דעם האָן.
ניט איך, — זאָגט דער האָן, —
כ'וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געטאָן.

ווער האָט אויפגעוועקט מיין קינד?
פרעגט די מאַמע ביי דער זון.
ניט איך, — זאָגט די זון, —
אפשר גאָר די ראָבע הון.

ווער האָט אויפגעוועקט מיין קינד?
פרעגט די מאַמע בא דער בין.
ניט איך, — זאָגט די בין, —
אפשר גאָר דער שלעכטער שפין.

ווער האָט אויפגעוועקט מיין קינד?
פרעגט די מאַמע ביי דער שוואַלב.
ניט איך, — זאָגט די שוואַלב, —
אפשר גאָר דאָס נאַריש קאַלב.

ווער האָט אויפגעוועקט מיין קינד?
פרעגט די מאַמע בא דער מויז.
ניט איך, — זאָגט די מויז, —
איך בין ניט געווען אין הויז...

ווער זשע פאָרט האָט דאָס געטאָן?
אַז ניט די מויז און ניט דער האָן,
ניט די שוואַלב און ניט די קאַלב,
ניט די בין און ניט דער שפין,
ניט די זון און ניט די הון,
ניט דער ווינט און ניט די הינט —
ווער האָט אויפגעוועקט מיין קינד?

## פאַרטאָג

איז די זון נאָך ניטאָ,
איז דער הימל נאָך גראָ,
יעדער בוים, יעדע בלום
וואַרט אַרום און אַרום:
די זון זאָל שוין אויפגיין אַמאָל.

## אינדערפרי

און אַז טייבל שלאָפט שפּעט,
ליגן שיכלעך ביים בעט,
און די צאַצקעס אַרום
וואַרטן אומעטיק, שטום —
אַף טייבעלעס פריילעכן קול.

## דערציייל זשע מיר אַ מייסעלע

דערציייל זשע מיר אַ מייסעלע,
וועל איך אַ גוטע זיין;
וועל אויסטאָן מיינע שיכעלעך
און גלייך אין בעט אריין.

און אַלעס וועל איך פאָלגן דיך,
וועל זיין אַ גוטעס קינד;
וועל ליגן ווי אַ קאַטינקע
און שווייגן שטיל אַצינד.

כ'וועל צומאַכן די אייגעלעך,
זיך לייגן אַף אַ זייט,
און ווי אַ קליינע פייגעלע
אין חלום פליען ווייט.

דערציייל, דערציייל אַ מייסעלע,
וועל איך אַ גוטע זיין;
וועל אויסטאָן מיינע קליידעלעך
און וועל אין בעט אריין.

פלי,ווינטל פלי,
ס'ווערט שוין שפעט;
אלע קליינע קינדערלעך
ליגן שוין אין בעט.

פלי, ווינטל, פלי,
פלי צו יעדן גריל;
זאָג אַז קינדער שלאָפן שוין —
מוז מען שווייגן שטיל.

פלי, ווינטל, פלי,
פלי אין וואַלד אַריין;
זאָג אַז קליינע קינדערלעך
שלאָפן איצטער איין.

פלי, ווינטל, פלי,
פלי צום טייך און מיל;
זאָג אַז קליינע קינדערלעך
הייסן שווייגן שטיל.

פלי, ווינטל, פלי,
פלי צו ימען צו;
זאָג אַז קליינע קינדערלעך
דאַרפן איצטער רו.

פלי, ווינטל, פלי,
ס'שלאָגט דער זייגער אַכט;
פלי צו יעדן קינדעלע,
זאָג אַ גוטע נאַכט.

שאַ, ווינטל, שאַ,
שטעל זיך אַף די קני,
און דו זאָלסט ניט רירן זיך
ביז אַף מאָרגן פרי.

## איינס צוויי

נעם צענויף די פינגערלעך
פון יעדן האַנט אַזוי,
און צייל: איינס-צוויי, איינס-צוויי,
און נאָך אַמאָל אַזוי ביז צען;
און נאָכדעם וועסטו זען —
די פינגערלעך, ווי קינדערלעך,
זיי נייגן זיך, זיי לייגן זיך,
זיי שלאָפן איין —
ווי קינדערלעך, ווי גוטינקע
באַדאַרפן זיין.

## דאָס װינטעלע שפּילט

דאָס װינטעלע שפּילט,
און דאָס הינטעלע בילט.
לבנה הענגט פרײלעך און לאַכט.
די שטערן זײ הערן...
זײ װערן ניט, װערן...
און װאָלקענדלעך שװימען פאַרטראַכט.
שפּיל, װינטעלע, שפּיל;
ביל, הינטעלע, ביל;
איך האָב זײער ליב אַזאַ נאַכט.

## שעפּסעלעך

װי עס שפּרינגען שעפּסעלעך בײם באַרג צופוסן,
שפּילן קינדערלעך אַזױ אַרום דער מאַמען;
און די זון מיט ליבע צערטלט, גלעט און װאַרימט
שעפּסעלעך און קינדערלעך צוזאַמען.

װי עס שלאָפן שעפּסעלעך רואיק, זאַט און מיד,
אױסגעקושט פון זון און װינט פאַרװיגט,
שלאָפן אױך די קינדערלעך רואיק, זאַט און מיד
פון אַ ליבער מאַמען אײנגעװיגט.



## איך וויל ניט אַזוי גיך זאָל ווערן נאַכט

איך וויל ניט איצטער שלאָפן, מאַמע, ניין!
וואַרט, שפּעטער אפשר, שפּעטער וועל איך גיין;
דו זעסט דאָך, איך האָב אַרבעט אַזוי פיל:
די פּאַטשערקעס צעשאָטן אָפן דיל.

די בילדער דאַרף איך איינקלעפּן אין בוך,
איין ליאַלקע מוז איך אָנטאָן נאָך אַ שוך;
אַ צווייטע דאָרט פאַרגייט זיך אין געוויין —
ווי קען איך איצטער לאָזן זי אַליין?

אַרבעט, שפּילערייען אַזוי פיל —
איך האַלט דאָך ערשט אין רעכטן מיטן שפּיל;
איך וויל ניט אַזוי גיך זאָל ווערן נאַכט —
וואַרט נאָך אַביסל, מאַמעלע, זע וואַרט!

## יעדן אָוונט...

יעדן אָוונט, ווען די זון פאַרגייט,
עפנט זיך אַ טויער שטילערהייט;
עמיץ קומט ארויס מיט ווייכע טריט
זינגענדיק אַ שטילע אָוונט-ליד.

ס'מוז געוויס אַ גרויסע מאַמע זיין,
נעמט זי גאָר די וועלט אין שויס אריין;
פייגעלעך און ווערעמלעך און מיך
קושט זי און זי גלעט און דריקט צו זיך.

גרויסע בערג און ביימער דעקט זי צו
מיט אַ בלויען שלייער, ליוליע-ליו...
ליולינקע אין אויער רוימט זי יעדן איין,
ווען זי נעמט די גאַנצע וועלט אין שויס אריין.





# אינהאלט

I

## אַזאַ מאַנטשיק מיידעלע


ווערטער — — — — — — — — — — — — — — — — 5
אַ מאַנטשיק מיידעלע — — — — — — — — — — — — 6
טוק־טוק — — — — — — — — — — — — — — — — 7
אַ פינגערל — — — — — — — — — — — — — — — 8
אַ קעצעלע — — — — — — — — — — — — — — — 9
אַלע פיר — — — — — — — — — — — — — — — — 10
איך וויל גיין אַ באָרוועסע — — — — — — — — — 11
פול מיין דאַך — — — — — — — — — — — — — — 11
קויף בוליק — — — — — — — — — — — — — — — 12
איך האָב ליב — — — — — — — — — — — — — — 12
דו, דו איידעלע — — — — — — — — — — — — — 13
אַ וואונדער שפיגל — — — — — — — — — — — — 14
דאָס קראַנקע קינד — — — — — — — — — — — — 16
זון און רעגן — — — — — — — — — — — — — — 17
פינף קליינע הינדעלעך — — — — — — — — — — — 18
עבאַ — — — — — — — — — — — — — — — — — — 19
שבת — — — — — — — — — — — — — — — — — — 20
תרטה — — — — — — — — — — — — — — — — — 22
רעגן — — — — — — — — — — — — — — — — — — 23
ווי אַמאָל — — — — — — — — — — — — — — — — 24
קלאַנגען — — — — — — — — — — — — — — — — 25
מאַמע איז אַוועקגעפאָרן — — — — — — — — — — — 26
שנייעלעך — — — — — — — — — — — — — — — — 27
פאַרבן — — — — — — — — — — — — — — — — — 28
מאַמעס שוים — — — — — — — — — — — — — — — 30
דער ווינט — — — — — — — — — — — — — — — — 31
טויבעלעך — — — — — — — — — — — — — — — — 32
איך וויל זיין אַ לערערן — — — — — — — — — — 33
וואָלקנס — — — — — — — — — — — — — — — — 34
גענז — — — — — — — — — — — — — — — — — — 36
פרילינג איז אַ ליבער — — — — — — — — — — — 38
בוזט קלוג — — — — — — — — — — — — — — — — 39
שעפעלעך צוויי — — — — — — — — — — — — — — 40
אַ בוים — — — — — — — — — — — — — — — — — 40
שטיוט אַ מיידעלע — — — — — — — — — — — — — 41
מיין באָבעלע — — — — — — — — — — — — — — — 42

II

# אַ אינגעלע

אַ אינגעלע — 44
שמעון — 45
אַ גוט קינד — 46
אַזאַ שיינער טאָג — 47
אַ טייכל — 48
צו אַ שמעטערלינג — 48
אַפ׳ן פאַרם — 50
איך וואָלט זיין דער ווינטער — 51
פורים — 52
דוד איז אַ נאַר — 53
שדים — 54
צוויי אינגלעך — 55
דער פוילער — 56
ארויסגעוואָרפענע — 57
וויגטן — 58
מיין סאָד — 59
אַ שטורם — 59
טאַטע, מאַמע — 60
אליהו הנביא — 61
איך בין שוין אַ גרויסער — 62
מיין טייערע קינד — 63
ווינטער — 64
לייזערס צרות — 65
פייגל, פייגל, פייגעלע — 67
איך וואָלט וועלן — 68
אַ שרעקלעכע מעשה — 69
אַ חלום — 71
פליען פייגעלעך — 73
אַ שטיבעלע פון שניי — 74
יודהעלע — 75
יום טוב אינדערוואָכן — 76
פון אַן עמער וואַסער — 77
נח נאַשער — 78
דער אידל מיט׳ן פידל — 80
פחד — 81
אַמאָל פאַרטראַכט איך זיך — 82
ווי גוט עס וואָלט געווען — 83
מיין גרויסער ברודער — 84

III

## ערגעץ ווייט


קינדער — 85
ערגעץ ווייט — 86
עסקימאָסן — 87
יאַפּאַן — 88
אַפריקאַנער קינדערלעך — 89
אַ נעגערל — 90
טשינג-טשאַנג-טשו — 91
אין ליטע — 92
אין דעם לאַנד פון מילך און האָניג — 94
אַ אינגעלע פון תימן — 95


IV

## דער באָבעס מעשה׳לעך


מיין באָבעלע — 97
אַ ציגעלע אַ ווייסע — 98
אַמאָל און אַמאָל — 100
דער ערשטער שניי — 102
גליק — 104
דאָס אינגל און די קאַץ — 108
מען זאָגט — 110
דער אַלטער שלמה — 110
שוועסטערלעך — 111
טייבעלען — 113
פרילינג — 115


V

## אַליע ליו ליו


אַייליע לוי ליו — 117
בלימעלעך און פערעלעך — 118
ווען מיך טרעפט — 120
סילוועץ — 121
קינדער — 122
ס׳עופעלע — 123
לייבעלע — 124
אַזאַ ברעקל — 125
קאַראַפּוזיק — 126
זומער — 127
זייפנבלאָזן — 129
דאָס קינד — 130
אַ מיידעלע — 131
איך ווייס אַזאַ וועג — 132
סוף זומער — 133
איך וואָלט וועלן — 134

VI

## אַ גוטע נאַכט


אַ גוטע נאַכט — — — — — — — — — — — — — — 136
דער מלאך פון שלאָף — — — — — — — — — — — — 137
באנאַכט — — — — — — — — — — — — — — — 138
פייער־פליגעלעך — — — — — — — — — — — — — 139
די מאַמע רופט — — — — — — — — — — — — — 140
אַ נאַכט אַזאַ — — — — — — — — — — — — — 141
עס טרעפט אַמאָל — — — — — — — — — — — — 142
שלאָף — — — — — — — — — — — — — — — — 143
אַ ווינטער נאַכט — — — — — — — — — — — — 144
ארום איז שטיל — — — — — — — — — — — — — 145
ווער ? — — — — — — — — — — — — — — — — 146
פאַרטאָג און אינדערפרי — — — — — — — — — — 147
דערציול זשע מיר — — — — — — — — — — — — 148
פלי, ווינטל, פלי — — — — — — — — — — — — 149
איינס, צוויי — — — — — — — — — — — — — — 150
דאָס ווינטעלע שפילט — — — — — — — — — — 151
שעפסעלעך — — — — — — — — — — — — — — 151
איך וויל ניט — — — — — — — — — — — — — 152
יעדן אָוונט — — — — — — — — — — — — — — 153